בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**
**ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**
**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**
**מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס נ"ו, פרשת ויק"פ (החודש) תש"פ

# תוכן השיעור


לב טהור ברא לי
דיבור של אמת
אילמלא לא אתינא אלא למישמע דא די
וחוק לנערותיה
וכי יפקוד מה אשיבנו
להכיר את מקומו
מוסר דינו לשמים...
נצחון אינו סובל האמת
גילדענע נעכט
עיקר השתוקקות של השי"ת אל האמת
ווי מען טוט - טוט מען...
ושמור צאתנו ובואנו...
קביעות עתים לתורה
יש 'סדר' למשנה...
כי איש כשר הוא ענין אחר לגמרי
'דארטן' וועט זיין וואו צו קוקן
מיין 'שווארצער' איז שענער פון אים...
אל תבט אל מראהו
תכלית חכמה - תשובה ומעש"ט
הכנסתי בכם הרבה אמת
דיבור בדעה
שכל הנקנה


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 56**


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**


כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

# פרשת נח (ב') שנת תשל"ה

(טייפ מס' 56#)

## לב טהור ברא לי

(חסרה ההתחלה) - - **דער אויבערשטער האט געמאכט א 'חלל הפנוי'! דער 'אור' איז געווען 'אין סוף', האט נישט געקענט זיין קיין 'בריאה', האט דער אויבערשטער מצמצם געווען דעם 'אור', איז געווארן א 'חלל הפנוי', און דארטן איז געווארן די 'בריאה'! - אזוי זאגט דער רבי דארט.**[א]

**זאגט ווייטער דער רבי דארטן, אז ביי יעדן איינעם איז אויך אזוי, אז דאס הארץ איז 'חלל', אז ס'איז נישט פארשטאפט מיט די 'מחשבות רעות', זאגט דער רבי - איז עס א 'בריאה'! אז נישט - זאגט דער רבי - איז 'קלקול הבריאה', 'טמטום הלב'!**[ב]

**קומט אויס פון דארטן, אז דאס הארץ איז א 'חלל', איז א נייע 'בריאה'!**

**בעט דעם אויבערשטן: "לב טהור ברא לי",**[ג] **דאס הייסט - 'ברא' טאקע! אז דאס הארץ איז ריין פון די מחשבות רעות, ער טראכט נאר מחשבות טובות בלבו, איז א נייע בריאה דא! איז דאס הארץ א 'חלל', און דארטן איז דא א 'בריאה'!**

**אזוי ווי ביים אנהויב בריאה איז געווען א 'חלל הפנוי', און דארטן איז געווארן די 'בריאה', אזוי איז דא אויך דאס אייגענע: אז דאס הארץ איז ריין פון 'מחשבות רעות' איז דאס הארץ 'פנוי', 'חלל הפנוי', איז דארטן א נייע 'בריאה'! - "לב טהור 'ברא' לי"!**

---

[א] עי' תו' מ"ט אות א': כִּי קֹדֶם הַבְּרִיאָה הָיָה אוֹר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אֵין סוֹף, וְרָצָה הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שֶׁיִּתְגַּלֶּה מַלְכוּתוֹ, וְאֵין מֶלֶךְ בְּלֹא עַם, וְהֻצְרַךְ לִבְרֹא בְּנֵי אָדָם שֶׁיְּקַבְּלוּ עֹל מַלְכוּתוֹ ... וְצִמְצֵם אֶת הָאוֹר אֵין סוֹף לַצְּדָדִין, וְנִשְׁאַר חָלָל פָּנוּי, וּבְתוֹךְ הֶחָלָל הַפָּנוּי, בָּרָא הָעוֹלָמוֹת... ועי' גם תו' ס"ד בתחלתו.

[ב] תו' מ"ט שם: ... נִמְצָא כְּשֶׁאָדָם חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת בְּלִבּוֹ, אֵיךְ לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בָּזֶה נַעֲשֶׂה לִבּוֹ בִּבְחִינַת "צוּר לְבָבִי", וּבִבְחִינַת: "וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי", שֶׁבְּתוֹךְ הֶחָלָל יִתְגַּלּוּ פְּעֻלּוֹתָיו ... וּכְשֶׁחוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת הוּא מְטַמְטֵם הַלֵּב, בִּבְחִינַת עָרְלַת לֵב, וּמְקַלְקֵל אֶת הַבְּרִיאָה...

[ג] תהלים נ"א י"ב.

❖

# דיבור של אמת

(באמצע לימוד בליקוטי מוהר"ן תו' קי"ב)[ד] **"רק הכסיל בחשך הולך, ולא יראה הפתחים לצאת, והוא אסור וקשור שם, ולא יתנו לו לצאת, עד אשר יזכה לדבר דיבורי אמת לפני ה', אזי הדיבורים מאירים, וה' אור לו!".**

**בשעת ער איז 'דארט' - זאגט דער רבי, איז ער א 'כסיל בחושך הולך', ער זעהט נישט די טירן וואו ער זאל ארויס, ער איז דארטן צוגעבונדן, 'אסור וקשור שם', ער קען נישט ארויס, ביז ער וועט זוכה זיין רעדן א דיבור אמת לה', די דיבורים וועלן אים לייכטן, וה' אור לו!**

**די תורה איז א געוואלדיגע התעוררות אין דעם ענין פון "רעדן צום אויבערשטן דיבורים", דאס וועט אים דערוועקן דעם 'דיבור אמת', ביז ס'וועט אים ווערן לעכטיג, ער זאל קענען ארויס פונעם 'חושך'!**

**ווארום, יעדער איינער ליגט דארטן אין זיינע נארישקייטן, וואס אין אמת'ן קען מען דאך גאר נישט דערציילן איינער דעם אנדערן![ה]**

**'בכלל' רעדט מען דארטן** (לדבר עם חבירו מהתכלית באופן כללי) **- אז מען דארף אויף זיך רחמנות האבן, האבן א שייכות מיטן תכלית! אבער ארויסרעדן איינער פארן אנדערן? נאר פאר השי"ת קען מען זיך ארויסרעדן אלעס!**

**'אזוי ווי פאר אן אמת'ן גוטן פריינד'![ו] - זאגט דער רבי, פארן אויבערשטן דארף מען רעדן! פארן אויבערשטן דארף מען רעדן אלעס, אלעס! אלעס!**

---

[ד] העתק מליקוטי מוהר"ן שם השייך לענינינו: הִנֵּה יָדוּעַ כִּי "סָבִיב רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן" (תְּהִלִּים י"ב), כִּי הַסִּטְרָא אָחֳרָא מְסַבֶּבֶת הַקְּדֻשָּׁה ... וְכַאֲשֶׁר יְעוֹרֵר רוּחוֹ לָשׁוּב אֶל ה', קָשֶׁה לוֹ מְאֹד לְהִתְפַּלֵּל וּלְדַבֵּר דִּבּוּרִים לִפְנֵי ה', כִּי הֵן מְסַבְּבִין אוֹתוֹ מִכָּל צַד, לְכָל אֶחָד לְפִי עִנְיָנוֹ ... כִּי בֶּאֱמֶת יֵשׁ שָׁם פְּתָחִים הַרְבֵּה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (יוֹמָא לח: מְנָחוֹת כט:): 'הַבָּא לִטַּמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ, יֵשׁ לוֹ פְּתָחִין הַרְבֵּה'. וְכֵיוָן שֶׁנִּמְצָא שָׁם פְּתָחִים, הָיָה יְכֹלֶת לָצֵאת. רַק הַכְּסִיל בַּחֹשֶׁךְ הוֹלֵךְ (קֹהֶלֶת ב'), וְלֹא יִרְאֶה הַפְּתָחִים לָצֵאת, וְהוּא אָסוּר וְקָשׁוּר שָׁם, וְלֹא יִתְּנוּ לוֹ לָצֵאת, עַד אֲשֶׁר יִזְכֶּה לְדַבֵּר דִּבּוּרֵי אֱמֶת לִפְנֵי ה', אֲזַי הַדִּבּוּרִים מְאִירִים, וַה' אוֹר לוֹ כַּנַּ"ל ...

[ה] עי' ברכות דף ל"ד ע"ב: חציף עלי מאן דמפרש חטאיה שנאמר (תהילים ל"ב א') אשרי נשוי פשע כסוי חטאה.

[ו] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ד': ...וּבְאֶמְצַע הַשִּׂיחָה לְקָחוֹ אַדְמוֹ"ר זַ"ל בְּיָדָיו הַקְּדוֹשׁוֹת סְבִיב כְּתֵפָיו (של מוהרנ"ת), וְעָנָה וְאָמַר לוֹ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: 'אִין וַוייטֶער סֶע זַייעֶר גִּיט, אַז מֶע רֶעט זִיךְ אוֹיס דָּאס הַארְץ פַּאר ה'

אז מען רעדט נישט ארויס פארן אויבערשטן, קען זיין ממש א 'צדיק' - און ער זאל האבן ביי זיך אזעלכע זאכן וואס ער האט נישט געטוהן קיין תשובה!

אויב ער רעדט פארן אויבערשטן 'דיבורים', טוהט ער דאך 'תשובה', און תשובה העלפט דאך אויף יעדן זאך! און טאמער רעדט ער נישט ארויס, קען זיין ממש א 'צדיק', און אויף דער זאך האט ער קיין תשובה נישט געטוהן!

❖

## אילמלא לא אתינא אלא למישמע דא די

אין זוהר הקדוש שטייט, די חברייא האבן געזאגט: אז מיר זאלן נישט געווען קומען אין דער וועלט מער - נאר צו הערן 'די דיבורים', איז שוין גענוג! - כמה פעמים שטייט אזוי אין זוהר הקדוש.[ז]

פלעגן אונזערע לייט זאגן אויף די התקרבות צום רבי'ן, אז מען זאל פונעם רבי'ן נישט הערן מער - נאר דעם ענין פון 'התבודדות', איז שוין גענוג![ח]

נאר דאס אליין הערן פונעם רבי'ן, די איינע זאך, אז מען זאל האבן התבודדות פארן אויבערשטן - איז שוין גענוג!

און מיט דעם קען מקוים ווערן, דאס וואס דער רבי זאגט דא: ער איז זוכה צו א 'דיבור המאיר', א 'דיבור אמת', און דאס האט דער אויבערשטער ליב!

---

יִתְבָּרַךְ, הַיְנוּ אַזוֹי וְויא מֶע רֶעט זִיךְ אוֹיס פַאר אַיין אֱמֶת'ן גִיטְן פְרַיְנְט' (וּמֵעַתָּה, טוֹב מְאֹד אִם אוֹמְרִים אֶת כֹּל שֶׁבַּלֵּב לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ הַיְנוּ כְּמוֹ לִפְנֵי חָבֵר טוֹב אֲמִתִּי). וּמִיָּד נִכְנְסוּ אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים בִּלְבָבוֹ כְּאֵשׁ בּוֹעֶרֶת מַמָּשׁ, וְהֵבִין תֵּכֶף שֶׁעַל־יְדֵי עֵצָה זֹאת בְּוַדַּאי יִהְיֶה נַעֲשֶׂה אִישׁ כָּשֵׁר כָּרָאוּי, כִּי כָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת שֶׁיְּסַבֵּב הַבַּעַל דָּבָר בְּדַעְתּוֹ וְכָל מִינֵי מְנִיעוֹת שֶׁיִּמְנָעֵהוּ, כֻּלָּם יְסַפֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וִיבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים עַל כָּל דָּבָר שֶׁיַּעַזְרוֹ לִהְיוֹת כָּרָאוּי לְאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, וְעַל־יְדֵי אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים קֵרְבוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת גָּדוֹל מְאֹד. (ועי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ט, וחיי מוהר"ן אות תל"ט: כְּלוֹמַר שֶׁכָּךְ עִקַּר הַתְּפִלָּה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּתִינוֹק לִפְנֵי אָבִיו, כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ. ועלים לתרופה מכתב י"ב, ועוד).

[ז] הקדמת הזוהר דף ב' ע"ב: אֲתָא רִבִּי אֶלְעָזָר וְכֻלְּהוּ חַבְרַיָּיא וְאִשְׁתְּטָחוּ קַמֵּיהּ, בָּכוּ וְאָמְרוּ **אִלְמָלֵא לָא אֲתֵינָא לְעָלְמָא אֶלָּא לְמִשְׁמַע דָּא דַּיֵּי**, ועוד.

[ח] עי' ימי מוהרנ"ת אות ט"ו: וּכְבָר יָדוּעַ אֶצְלֵנוּ שֶׁעַל כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁזָּכִינוּ לִשְׁמֹעַ מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ ז"ל, אָנוּ צְרִיכִין לוֹמַר כַּמָּה פְּעָמִים: **אִלְמָלֵא לָא אֲתֵינָא לְעָלְמָא אֶלָּא לְמִשְׁמַע דָּא דַּי**.

אז ער וועט זיין אן עקשן אין דער זאך - אין רעדן פארן אויבערשטן דיבורים, זיך מיישב זיין נאך און נאך, וועט אים דער אויבערשטער העלפן, ער וועט זוכה זיין צו א 'דיבור אמת', דורך א 'דיבור אמת' וועט אים שוין ווערן לעכטיג, וועט ער שוין זעהן אין אלעם דעם וועג ארויס!

דאס דארף מען זיך רעדן איינער מיטן אנדערן אסאך, און געבן 'התחזקות' אז אין דעם זאל מען זיך האלטן: אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן[ט] - 'אן אמת'ן גוטן פריינד', און זיך אויסרעדן פאר השי"ת!

קומט אויס, אז וואס איינער איז נענטער צום אויבערשטן, איז נאר דערפאר - ווייל ער האט מער התבודדות! ער רעדט מער צום אויבערשטן דיבורים! און די אלע אנדערע זאכן ווערן שוין דערנאך ממילא שוין![י]

אז מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים, לערנט ער מערער, טוהט ער מצוות מערער, וועט שוין ממילא מצוות ומעשים טובים - ווערן שוין אלס מערער!

אבער דער "עיקר שהכל תלוי בו" איז דאך נאר: רעדן דעם 'דיבור אמת', 'דיבורי אמת'! 'דיבורי אמת' ווערן נאר דערפון - וואס מען רעדט פארן אויבערשטן דיבורים!

דער אויבערשטער איז א 'מקור אמת', און ער גלוסט נאר צום 'אמת', "רעדט צו מיר אמת'ע דיבורים!".[יא]

❖

[ט] מכתבי מוהרנ"ט ו', וז"ל שם: ... אַךְ אִם הַלֵּב אָטוּם וְאֵין מִלָּה בְּפִינוּ, בִּבְחִינַת אֵין לִי פֶּה לְדַבֵּר וְכוּ' שֶׁאָמְרוּ וְצָוְחוּ הַקַּדְמוֹנִים, אָז הָעִקָּר לִשָּׂא עֵינֵינוּ לַמָּרוֹם, אֲשֶׁר זֹאת יָקָר אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ בְּלִי שִׁעוּר, כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי נְבִיאִים וּבְדִבְרֵי חֲכָמֵינוּ זַ"ל...

[י] ליקוטי מוהר"ן תו' קי"ב שם: וְאָמַר לִי אָז, שֶׁעַל־יְדֵי עֵצָה זֹאת יְכוֹלִין לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת כָּל יְמֵי חַיָּיו, כִּי תָּמִיד אֵיךְ שֶׁהוּא יְכוֹלִין לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ וּלְהַחֲזִיק אֶת עַצְמוֹ עַל יְדֵי זֶה, עַל יְדֵי הָאֱמֶת שֶׁהוּא אוֹר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, אֲשֶׁר "גַּם כָּל חֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּנּוּ", כִּי אֵין שׁוּם טֻמְאָה וְסִטְרָא אָחֳרָא בָּעוֹלָם, שֶׁלֹּא יִהְיֶה שָׁם פְּתָחִים לָצֵאת מִשָּׁם. רַק שֶׁאֵין רוֹאִין אוֹתָן, מֵחֲמַת גּוֹדֶל הַחֲשֵׁכוֹת שֶׁיֵּשׁ שָׁם. אֲבָל עַל יְדֵי הָאֱמֶת, מֵאִיר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, וְיִזְכֶּה לִרְאוֹת וְלִמְצֹא פֶּתַח תִּקְוָה גַּם בְּעֹמֶק נְפִילָתוֹ, לָצֵאת מֵאֲפֵלָה לְאוֹרָה, וּלְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת תָּמִיד.

[יא] שם: וְעִקַּר הַכַּוָּנָה, שֶׁכַּאֲשֶׁר הוּא מְשֻׁקָּע בְּתַכְלִית הִתְגַּבְּרוּת הַחֹשֶׁךְ ... אֲזַי עִקַּר עֲצָתוֹ שֶׁיַּמְשִׁיךְ עַצְמוֹ לְהָאֱמֶת, וְיַבִּיט עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, וִיבַקֵּשׁ רַק הָאֱמֶת הָאֲמִתִּי, וּכְנֶגֶד זֶה אֵין שׁוּם חֹשֶׁךְ וְסִבּוּב שֶׁיַּחֲשִׁיךְ לוֹ, כִּי הָאֱמֶת הוּא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, וְהוּא בְּחִינַת "ה' אוֹרִי". וְכֵיוָן שֶׁה' אוֹר לוֹ, אֵין שׁוּם חֹשֶׁךְ שֶׁיַּחֲשִׁיךְ אוֹתוֹ, וּבְוַדַּאי יִזְכֶּה לִרְאוֹת הַפְּתָחִים לָצֵאת מֵהַחֹשֶׁךְ, בִּבְחִינוֹת "פֵּתַח דְּבָרֶיךָ יָאִיר מֵבִין פְּתָיִים"...

דער רבי האט געהאט אזעלכע תלמידים, אזעלכע צדיקים, יעדער איינער אין 'זיין ערך' איז דאך דא אוודאי 'כמה אמת': א 'חלון', א 'אבן טוב', ס'איז דא אסאך סארטן 'אמת',[יב] אבער דאס איז שייכות פאר יעדן איינעם!

אדרבה, דער רבי זאגט דא אין דער תורה: יעדער איינער - נאר וועדליג זיין מדריגה, אז ער וועט וועלן זיין א 'אבן טוב', ער וויל זיין א 'אבן טוב' - זיי כאטש א 'חלון'!

א 'חלון' איז אויך דא אסאך בחינות, 'אזא חלון', 'אזא חלון'!

❖

# וחוק לנערותיה

(ר' משה בינענשטאק: עס איז דא עפעס א ענין אז די התבודדות זאל זיין פאר אלע עבודות?) די 'התבודדות' איז אזוי, דער מענטש דארף זיך זעהן אליין, ער זאל האבן א זאך מען זאל אים נישט מבלבל זיין! ער דארף זיך אליין בוחר זיין!

אז דאס איז אינגאנצן זיין האפענונג, אינגאנצן זיין תקוה 'בזה ובבא', דארף ער זיך אזוי זיך אוועקשטעלן, זיך אויסקלייבן א צייט מען זאל אים נישט מבלבל זיין! 'וואו' ס'איז אים בעסער, 'ווען' ס'איז אים בעסער צו האבן די צייט!

מען קען יענעם נישט זאגן 'דעמאלט', 'דעמאלט', זיי זיך בוחר א צייט מען זאל דיך נישט מבלבל זיין! און ווען די צייט איז? וועסטו שוין אליין וויסן, וועסטו שוין אליין זעהן מאכן זיך בעסער!

דו וועסט זיך בוחר זיין א צייט וואס מען קומט אריין איבערהאקן? זיי זיך בוחר א צייט וואס דעמאלט קענסטו אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן, און קיינער (וועט אים נישט שטערן).

---

[יב] שם: ... וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִבְחִינוֹת אֱמֶת הָאֲמִתִּי, אֲזַי ה' אוֹר לוֹ... אַךְ מִי שֶׁעֲדַיִן לֹא הִגִּיעַ לְמַדְרֵגָה עֶלְיוֹנָה שֶׁל אֱמֶת, וְעַל כָּל זֶה הוּא בְּמַדְרֵגָה שֶׁל אֱמֶת, אַף כִּי אֵינוֹ מֵאִיר בְּעַצְמוֹ, מֵאַחַר שֶׁלֹּא הִגִּיעַ לָאֱמֶת הַנָּכוֹן, עַל כָּל זֶה הָאֱמֶת הוֹעִיל שֶׁיּוּכַל אַחֵר לְהָאִיר בּוֹ, וְגַם בָּזֶה מַדְרֵגוֹת וְעִנְיָנִים ... כִּי יֵשׁ שְׁתֵּי מַדְרֵגוֹת, מִי שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגַת אֱמֶת הָאֲמִתִּי, הוּא מֵאִיר בְּעַצְמוֹ ... כִּי זֶה הַחִלּוּק שֶׁבֵּין אֶבֶן טוֹב לְחַלּוֹן, כִּי הָאֶבֶן טוֹב מֵאִיר מֵעַצְמוֹ, וְהַחַלּוֹן אֵין מֵאִיר מֵעַצְמוֹ, רַק שֶׁדָּבָר אַחֵר כְּגוֹן הַשֶּׁמֶשׁ וְכַיּוֹצֵא בָּהּ יוּכַל לְהָאִיר בּוֹ ...

איז מען קען איינער דעם צווייטן נישט זאגן! ווי אזוי ער פילט זיך בעסער - דארטן טרעפט ער זיך שוין - -

❖

(רמ"ב: איך האב געהערט מען זאגט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס אז ער האט געזאגט אז ס'איז דא א חילוק צו איינער האט התבודדות בקביעות אדער איינער האט התבודדות זעקס מאל א וואך?) **פארשטייט מען דאס אייגענע![ג]**

**ר' אברהם ר' נחמן'ס - פון אים האט מען נישט געקענט זעהן, ער האט כמעט א גאנצן טאג געהאט התבודדות, כסדר גערעדט צום אויבערשטן!**

**אפילו זיין לערנען איז אויך געווען התבודדות! אויף די עלטערע יארן האט ער שוין נישט געקענט לערנען אין א ספר** (ראייתו היתה כבדה)**, האט ער געלערנט אויסעווייניג, ער האט געקענט גיין אין גאס און ער זאל לערנען משניות, לערנען גמרא, לערנען שלחן ערוך, רעדן צום אויבערשטן, ס'האט קיינער נישט געוואוסט!**

**דאס האט מען געזעהן - דער מענטש איז דבוק צום אויבערשטן כסדר! דער מענטש איז דבוק אינעם אויבערשטן! האט ער גערעדט מיט א מענטשן - און צוריק א התקשרות צום אויבערשטן!**

❖

# וכי יפקוד מה אשיבנו

**מ'דארף איינ'חזר'ן די ווערטער וואס דער רבי האט געזאגט: "אזוי ווי פאר א אמת'ן גוטן פריינד!".**

---

[ג] עי' כוכבי אור - חכמה ובינה אות י"ט: ... כִּי מְבֹאָר שָׁם בְּרֶמֶז נִפְלָא הִתְגַּלּוּת הָאוֹר הַזֶּה בְּעוֹד גָּבְרָה לֵיל חַשְׁכוּת גָּלֻיּוֹתֵינוּ, לִתֵּן גַּם הַיּוֹם טֶרֶף אֲמָרָיו הַנּוֹרָאִים לְאַנְשֵׁי בֵּיתוֹ וּמְקֹרָבָיו, וְחֹק הַתּוֹרָה וְהַתְּפִלָּה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ וְהִתְבּוֹדְדוּת), לְבִלְתִּי נַעֲבֹר אֶת הַחֹק הַהוּא כָּל יְמֵי חַיֵּינוּ, שֶׁזֶּה בְּחִינַת "וַתָּקָם בְּעוֹד לַיְלָה וַתִּתֵּן טֶרֶף לְבֵיתָהּ וְחֹק לְנַעֲרוֹתֶיהָ". וְעַיֵּן בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן בְּאוֹת קפ"ד, שֶׁהַשְּׁנֵי דְּבָרִים הָאֵלֶּה הָיוּ הַנְהָגוֹת כְּלָלִיּוֹת לְכָל מְקֹרָבָיו בְּכָל יְמֵי חַיֵּיהֶם, וּכְפִי הַמּוּבָן שָׁם שֶׁקִּיּוּם הַשְּׁנֵי דְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּחֹק וְלֹא יַעֲבֹר מְסֻגָּל וּמוֹעִיל לָנֶצַח בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם בְּלִי שִׁעוּר, יוֹתֵר מֵאִם אֲפִלּוּ הָיָה עוֹשֶׂה אוֹתָם הָאָדָם כְּמוֹ־כֵן, וְלֹא בְּחֹק וְלֹא יַעֲבֹר תָּמִיד בְּלִי הֶפְסֵק.

**דאס** (- השי"ת) **איז מיין אמת'ער גוטער פריינד, בזה ובבא! און אז ער וועט פרעגן - מה אשיב שולחי דבר?! 'ווער' וועט פרעגן? וועמען דארף איך ענטפערן? דעם וואס איך דארף ענטפערן, זאל איך איצטער רעדן צו אים דיבורים!**

**און דאס אליין זאל מען רעדן צו אים: "דו וועסט דאך מיך פרעגן, וואס וועל איך האבן וואס צו ענטפערן?! כי יפקוד מה אשיבנו?!".**[יד]

**דערפון אליין מאכן א תפילה צום אויבערשטן: 'דו' וועסט דאך מיר פרעגן, וואס וועל איך ענטפערן?!**

❖

**מיט די עצות פונעם רבי'ן קען מען זיין - אוועקשטעלן זיך - זיין א 'גלאטער מענטש', א 'גלייכער מענטש', ממש ווערן א 'איש כשר'!**[טו]

**וואס איז א 'איש כשר'? וואס איז דער חילוק פון א 'איש כשר' ביז 'נישט א איש כשר'?**

**א 'איש כשר' האט אנדערע געדאנקען, ער האט אנדערע דיבורים, ער האט אנדערע אויגן! נאר אזוי איז ער גלייך מיט אלעמען, מען זעהט עפעס א חילוק פון דעם ביז דעם? אבער - אט דאס איז א 'איש כשר'!**[טז]

❖

# להכיר את מקומו

(השואל: ס'איז געווען עפעס א מעשה מען האט געברענגט דעם רבי'ן עפעס איינער שהיה בעל הדרת פנים), **יא יא, "וואס האסטו מיר געבראכט, א פעסל קישקעס?!"**, (השואל: מען

[יד] עי' ליקוטי תפלות ח"ב א': **וּמָה אָשִׁיב שֹׁלְחִי דָבָר, וּמָה אֶעֱשֶׂה לְיוֹם פְּקֻדָּה, וּמָה אֶעֱשֶׂה כִּי יָקוּם אֵ-ל וְכִי יִפְקֹד מָה אֲשִׁיבֶנּוּ.** והוא ע"פ מליצת הכתוב שמואל-ב' י"ד ג', איוב ל"א י"ד.

[טו] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ד': ...וְהֵבִין תֵּכֶף (מוהרנ"ת) **שֶׁעַל-יְדֵי עֵצָה זֹאת בְּוַדַּאי יִהְיֶה נַעֲשֶׂה אִישׁ כָּשֵׁר כָּרָאוּי**, כִּי כָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת שֶׁיְּסַבֵּב הַבַּעַל דָּבָר בְּדַעְתּוֹ, וְכָל מִינֵי מְנִיעוֹת שֶׁיִּמְנָעֵהוּ, **כֻּלָּם יְסַפֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**, וִיבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים עַל כָּל דָּבָר, **שֶׁיַּעַזְרוֹ לִהְיוֹת כָּרָאוּי לְאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי...**

[טז] עי' שיחות הר"ן אות י"ד: **אֲנִי מְקַנֵּא מְאֹד אִישׁ כָּשֵׁר** (שֶׁקּוֹרִין עֶרְלִיכֶר יְהוּדִי), כִּי נִדְמֶה שֶׁהוֹלֵךְ בֶּן אָדָם עִם דַּקִּין וְכַרְכָּשׁוֹת וְאֵבָרִים כִּשְׁאָר כָּל הָעוֹלָם, **וְאַף־עַל־פִּי־כֵן בֶּאֱמֶת הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי** ... ועי' גם ליקוטי מוהר"ן בשיחות שבסוף הספר סי' קט"ז.

האט אים משבח געווען פארן רבי'ן פריער?) מען האט אים געבראכט אזוי, ער איז געווען א גאנצער פארנעם, (אמר רבינו:) "וואס האסטו מיר געבראכט, א פעסל קישקעס?!".

ס'איז אזוי, דער רבי האט דאך געזאגט: "צו מיר ווערן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתיות איז פאר זיי קארג!",[יז] - דאס איז אבער אלץ גערעדט געווארן, אז דער מענטש ווייסט ביי זיך 'ווער ער איז', 'ער ווייסט' אז ער האט א שייכות צום שאול תחתיות, נעמט אים דער רבי צו (לקרבו)![יח]

אבער אז ער האט א שייכות צו שאול תחתיות, און ער מיינט אז ער 'איז', דאס טויג נישט, דאס טויג נישט! דאס איז גענארט! דאס איז דאך אינגאנצן גענארט![יט]

די גאנצע התבודדות איז דאך נאר אויף דעם אופן, לאז דיך נישט נארן! וויים וואו דו האלסט, פיר א חשבון! היינט האב איך דערלייגט - היינטיגן טאג, וויים אז דו האסט דערלייגט, 'ביי וואס' דו האסט דערלייגט, האסט דערלייגט ביים דאווענען, האסט דערלייגט אז דו האסט נישט געקוקט וואו מען דארף, האסט נישט געטראכט ווי מען דארף, וויים ביי וואס ס'איז געווען דער דערלייגן - דעם היינטיגן טאג דיינע![כ]

---

[יז] עי' חיי מוהר"ן אות ש"י.

[יח] עי' ליקוטי הלכות הל' מנחה ו' אות י"א באריכות: ... וְעַל-כֵּן בִּתְחִלָּה כְּשֶׁנִּמְשָׁךְ אֵיזֶה נְעִימוּת הַתּוֹרָה נִמְצָאִים קוֹפְצִים הַרְבֵּה שֶׁחֲפֵצִים לְהִתְקָרֵב וְלִינֹק מִשָּׁם, כִּי מִי פֶּתִי שֶׁלֹּא יָרוּץ אַחַר נְעִימוּת כָּזֶה, אֲבָל אֵלּוּ הַמִּתְקָרְבִים הֵם רוֹצִים לֵהָנוֹת מֵהַנְּעִימוּת בְּלִי יִסּוּרִים וּשְׁפִיכַת דָּמִים, וְהֵם חֲפֵצִים שֶׁיֻּשְׁפַּע עֲלֵיהֶם נְעִימוּת הַתּוֹרָה וְגַם יִהְיֶה לָהֶם כָּל הַכָּבוֹד וְכָל הַתַּאֲווֹת שֶׁלָּהֶם ... וּבְוַדַּאי רָאוּי לְהַרְחִיקוֹ מֵאַחַר שֶׁרוֹצֶה עֲדַיִן בְּכָבוֹד, כְּדֵי שֶׁלֹּא יְקַלְקֵל אֶת הַנְּעִימִים וְכַנַּ"ל ... עַל -כֵּן צָרִיךְ עַתָּה לְבַטֵּל כְּבוֹדוֹ לְגַמְרֵי וְלִסְבֹּל בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכַת דָּמִים, וְאָז יִזְכֶּה לְהִתְקָרֵב וְלִטְעֹם קְצָת מֵהַנְּעִימוּת נֹעַם הַתּוֹרָה... [עי' אבני"ה ברזל - שו"ס ממוהרנ"ת אות כ': מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל אָמַר פַּעַם אַחַת, קִנְאָה תַּאֲוָה הָרַבִּי מְקַבֵּל אוֹתְךָ, אֲבָל כָּבוֹד מֻכְרָח לִזְרֹק לְגַמְרֵי...]

[יט] עי' ליקוטי הלכות הל' רבית ה' אות נ"א: ... וְעִקָּרוֹ תָּלוּי בִּפְנִימִיּוּת הַלֵּב, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶת עַצְמוֹ, וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ אוֹמְרִים בְּכָל יוֹם בַּבֹּקֶר, לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר וְכוּ', וּמוֹדֶה עַל הָאֱמֶת וְדוֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ וְכוּ'. וְהָעִקָּר עַל-יְדֵי שֶׁמְּבַטֵּל עַצְמוֹ בֶּאֱמֶת, בִּבְחִינַת מָה אָנוּ מֶה חַיֵּינוּ מֶה חַסְדֵּינוּ וְכוּ', כִּי רֹב מַעֲשֵׂינוּ תֹּהוּ וִימֵי חַיֵּינוּ הֶבֶל לְפָנֶיךָ וְכוּ'. כִּי רַק עַל-יְדֵי-זֶה זוֹכִין אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, כְּשֶׁמְּבַטְּלִין עַצְמוֹ בֶּאֱמֶת...

[כ] עי' חיי מוהר"ן אות תקפ"ז: ...וְגַם צִוָּה עָלָיו שֶׁיִּהְיֶה מִמָּארֵי דְחוּשְׁבְּנָא, הַיְנוּ שֶׁבְּכָל לַיְלָה קֹדֶם שֶׁיִּשְׁכַּב עַל מִטָּתוֹ יַחֲשֹׁב אֵיךְ עָבַר עָלָיו הַיּוֹם. אִם לָמַד וְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי בְּיוֹם זֶה, יוֹדֶה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְיֹאמַר לוֹ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ עַל שֶׁזִּכִּיתַנִי לִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל בַּיּוֹם הֶעָבַר כִּרְצוֹנְךָ קְצָת, וּמִתְחַנֵּן אֲנִי לְפָנֶיךָ ה' אֱלֹקַי שֶׁתַּעַזְרֵנִי בַּיּוֹם הַבָּא לְמָחָר לְהוֹסִיף בַּעֲבוֹדָתְךָ בַּתּוֹרָה וּתְפִלָּה מֻרְבָּה בְּיוֹתֵר, וּבְכַוָּנָה שְׁלֵמָה בְּיוֹתֵר. וְאִם חַס וְשָׁלוֹם לֹא לָמַד וְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי בַּיּוֹם הֶעָבַר, יִתְוַדֶּה וְיִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ וְיֹאמַר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם יָדַעְתִּי כִּי פָּשַׁעְתִּי בַּיּוֹם הַזֶּה וְלֹא עֲבַדְתִּיךָ כָּרָאוּי לֹא בַּתּוֹרָה וְלֹא בִּתְפִלָּה וְכוּ' וְעַתָּה מְבַקֵּשׁ וּמִתְחַנֵּן אֲנִי לְפָנֶיךָ וְכוּ' שֶׁתִּמְחַל וְתִסְלַח לִי עַל

אז דו וועסט דאס אויסרעדן פארן אויבערשטן, וועסטו שוין מארגן נישט אזוי פיל דערלייגן, און אז דו וועסט מארגן נאכאמאל (דערלייגן) - וועסטו קענען מאכן (נאכאמאל דיבורים:) "רבונו של עולם, איך האב נעכטן, און איך האב היינט נאכאמאל!".

❖

# מוסר דינו לשמים...

יעדער איינער ווייסט דאך דאס גרויסקייט דערפון! דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, מיר זאלן וויסן גוט, איינ'חזר'ן זיך אז דאס איז דאס!

אפילו מיין דאווענען, מיין לערנען, איז גאר אן אנדער חשיבות - אז מען האט א שייכות צו רעדן צום אויבערשטן דיבורים!

דער 'בעל דבר' אליין, דאס איז פאר אים א 'גוטער קלאפ'! אז מען האט א 'חשבון' - דאס איז דער גרעסטער קלאפ פאר אים!

"דו גיבסט מיר קלעפ? איך וועל אלעס דערציילן דעם אויבערשטן! איך וועל אלעס דערציילן דעם אויבערשטן - וואס דו ווילסט פון מיר האבן!", - דאס איז פאר אים א געוואלדיגער קלאפ דאס, ווארום ער וויל נישט ליידן אז מען זאל רעדן צום אויבערשטן דיבורים!

"המוסר דין על חבירו" - זאגט די גמרא - טויג נישט![כא] אבער דעם אויבערשטן מעג איך דערציילן, מעג איך אים איבערגעבן, איך מעג אים איבערגעבן!

(השואל: דער רבי זאגט, אז וואו מען קען פועל'ן אן תפילה זאל מען נישט מטריח זיין דעם אויבערשטן),[כב] דאס איז עפעס אנדערש! דארט רעדט מען גשמיות, געלט זאכן, מסים, דאס איז אן אנדער זאך!

---

הֶעָבָר שֶׁלֹּא עֲבַדְתִּיךָ כָּרָאוּי, וְתַעַזְרֵנִי לְמָחָר בַּיּוֹם הַבָּא לַעֲבֹד עֲבוֹדָתְךָ בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה בְּכַוָּנָה וּבִשְׁלֵמוּת הָרָאוּי כִּרְצוֹנֶךָ...

[כא] עי' ברכות דף נ"ה ע"א, ועוד.

[כב] עי' ספר המדות - ערך צדיק אות ק"ו: אֵין לְהַטְרִיחַ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּשֶׁיְּכוֹלִין לְהוֹעִיל עַל-יְדֵי דָּבָר אַחֵר.

**אז דער בעל דבר לאקערט אויף מיר, ער לאזט מיר נישט דאווענען, ער לאזט מיר נישט לערנען** - (בודאי מותר ונכון למסור הדין לשמים). **מסתמא מיינט דארט דער רבי אנדערע זאכן** - (ענינים גשמיים כנ"ל).

❖

# נצחון אינו סובל האמת

(א' שואל: ומה יעשה מי שיש לו מחלוקת עם אנשים אחרים?), **'מחלוקת' דארף מען זיך אויך גוט מיישב זיין פארן אויבערשטן, איז אויך דער 'בעל דבר' מורה היתר אז 'איך מיין ערנסט', דארף מען אויך האבן א גרויסן ישוב הדעת!**

**דער אויבערשטער איז דער 'מקור האמת', מען איז זיך 'מורה היתר' 'מורה היתר'!**[כג]

**עס שטייט דאך אין די ערשטע משנה פון 'שנים אוחזין',**[כד] **באלד די ערשטע משנה, גיבט מען אים א 'שבועה'! איינער שווערט דאך געוויס פאלש? דער תירוץ איז, 'דער' איז זיך מורה היתר און 'דער' איז זיך מורה היתר, אז מען וועט אים געבן א שבועה וועט ער זיך אפשטעלן!**[כה]

**קומט אויס, ווייל ער איז זיך 'מורה היתר' דערפאר גיבט מען אים א שבועה, ער וועט זיך אפשטעלן!**

**מען איז זיך 'מורה היתר' - איך בין 'גערעכט'! און איך בין נאכאמאל 'גערעכט'!**

---

[כג] עי' ליקוטי הלכות הל' רבית ה' אות כ"ג - כ"ה: ...שֶׁזֶּהוּ בְּעַצְמָהּ בְּחִינַת קִטְרוּג הַמַּלְאָכִים שֶׁאָמְרוּ, מָה אֱנוֹשׁ כִּי תִזְכְּרֶנּוּ וְכוּ'. וּמִשָּׁם נִשְׁתַּלְשֵׁל הַקִּטְרוּג בִּבְנֵי אָדָם, עַד שֶׁטּוֹעִין עַל-יְדֵי הָאֱמֶת שֶׁאֵינוֹ מְבֹרָר לְקַטְרֵג אֶחָד עַל חֲבֵרוֹ, וּלְהַרְבּוֹת מַחֲלֹקֶת בְּחִנָּם ח"ו ... עַל-כֵּן צְרִיכִין לְבַקֵּשׁ מְאֹד מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כָּל יְמֵי חַיָּיו שֶׁיִּזְכֶּה לִנְקֻדַּת הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, וְהָעִקָּר שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת וְתַלְמִידֵיהֶם הַנִּלְוִים אֲלֵיהֶם שֶׁזָּכוּ לִנְקֻדַּת הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ...

ובהל' גזילה ה' אות י': וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי וְהֵבַנְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ זצ"ל, שֶׁאָמַר שֶׁזֶּה יֵצֶר הָרָע גָּדוֹל אֵצֶל כַּמָּה בְּנֵי אָדָם, וּבִפְרָט הַגְּדוֹלִים בְּמַעֲלָה, שֶׁבִּשְׁבִיל דָּבָר אֶחָד שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁהוּא מִצְוָה הֵם מַפְקִירִים הַכֹּל וּבָאִים עַל יְדֵי זֶה לִידֵי קִלְקוּלִים רַבִּים, וּבִפְרָט כְּשֶׁבָּאִים עַל יְדֵי זֶה לִידֵי מַחֲלֹקֶת ... רַק צְרִיכִין לְהִתְיַשֵּׁב הַרְבֵּה אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בָּזֶה, וְהָעִקָּר לְבַקֵּשׁ מֵה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּנְחֵהוּ בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת...

[כד] ריש מס' בבא מציעא.

[כה] שם בגמ' דף ב' ע"ב, וברש"י ד"ה דמורה ואמר.

דער ענין פון 'התבודדות' - אויף יעדן זאך! עס קומט דיר פאָר עפעס אן ענין, עפעס א מחלוקת, א זאך, דערצייל דעם אויבערשטן! "רבונו של עולם, 'איך' זאג אזוי און 'ער' זאגט אזוי, ווי איז דער אמת? פיר מיך מיט'ן דרך אמת!", איז שוין עפעס אנדערש! ס'איז שוין עפעס אנדערש![כו]

ס'מישט זיך אריין א ענין פון 'נצחון', יעדער איינער האט אין זיך קאכעדיגע בלוטן, מישן זיך אריין - די בלוטן הויבן זיך אן קאכן, איז שוין ממילא 'נישט קיין אמת'![כז]

אבער אז ער רעדט דאס אויס פאר השי"ת, און ער דערציילט דאס אלץ פארן אויבערשטן, איז שוין עפעס אנדערש, איז 'שוין' עפעס אנדערש![כח]

דער רבי האט א זאג געגעבן דארטן צו ר' ישראל נעמירוב'ער: "דו זאלסט זיך פירנעמען דעם 'יא' מיטן 'ניין' גלייך!", 'הן ולאו' - זאל זיין ביי דיר גלייך![כט]

אז איך האב א 'סכסוך' מיט איינעם, און איך בין ביי זיך 'הונדערט פראצענט גערעכט', און יענער איז 'הונדערט פראצענט נישט גערעכט', ממילא איז שוין אויך נישט - (אינו מוכרח שכך היא האמת).

---

[כו] עי' ליקוטי הלכות הל' יין נסך ד' אות י"ז: ... עַל-כֵּן בֶּאֱמֶת צְרִיכִין לִצְעֹק וְלִזְעֹק הַרְבֵּה לַה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיּוֹלִיכֵהוּ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָאֱמֶת תָּמִיד, אוּלַי אוּלַי יִזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ כָּרָאוּי, וְעַל כָּךְ בֶּאֱמֶת צוֹעֵק דָּוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה, הַרְבֵּה עַל זֶה, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר 'הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ וְכוּ"... כִּי צְרִיכִין לִזְכּוּת גָּדוֹל וִישׁוּעָה וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים וְהִשְׁתַּדְּלוּת וִיגִיעָה גְּדוֹלָה כָּל יְמֵי חַיָּיו, שֶׁיִּזְכֶּה לֵילֵךְ בְּכָל עֵת בְּדֶרֶךְ הַקֹּדֶשׁ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ ...

[כז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ב: כִּי זֶה יָדוּעַ, שֶׁמִּדַּת הַנִּצָּחוֹן אֵינָהּ סוֹבֶלֶת הָאֱמֶת, כִּי אַף אִם יֵרָאֶה לְעֵינָיו דְּבַר אֱמֶת, יִדְחֶה אוֹתוֹ מֵחֲמַת הַנִּצָּחוֹן...

[כח] עי' ליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה ד' אות כ"ד: וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל וְעֵצָה נִפְלָאָה בַּעֲבוֹדַת ה' לְכָל אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם מִגָּדוֹל וְעַד קָטָן בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה שֶׁהוּא, בִּפְרָט בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁהִתְגַּבֵּר הַשֶּׁקֶר וּבִלְבֵּל אֶת הָעוֹלָם מְאֹד מְאֹד כִּמְעַט בְּלִי שִׁעוּר, וְעִקַּר הָעֵצָה נֶגֶד הַשֶּׁקֶר הוּא הָאֱמֶת, הַיְנוּ שֶׁלֹּא יַטְעֶה הָאָדָם אֶת עַצְמוֹ, וּבְכָל דָּבָר שֶׁהוּא מְסֻפָּק בּוֹ וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ הָאֱמֶת, יַחֲשֹׁב בְּלִבּוֹ שֶׁהוּא רוֹצֶה רַק הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, וִיבַקֵּשׁ מֵה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּזַכֵּהוּ לִנְקֻדַּת הָאֱמֶת, וְאַחַר כָּךְ יִמְסֹר כָּל תְּנוּעוֹתָיו לַה' יִתְבָּרַךְ וְאָז אֵיךְ שֶׁיּוֹלִיכֵהוּ ה' יִתְבָּרַךְ כָּךְ הוּא הָאֱמֶת ... וְכָל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בַּפֶּה וּבַכְּתָב, כִּי הֵם מֵהַדְּבָרִים שֶׁאֵין לָהֶם שִׁעוּר כַּנַּ"ל. וְאַף-עַל-פִּי-כֵן הָאֱמֶת הוּא אֱמֶת, וּמִי שֶׁחָפֵץ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְאֵינוֹ מַטְעֶה אֶת עַצְמוֹ בְּוַדַּאי סוֹף כָּל סוֹף יִזְכֶּה לָאֱמֶת ... עיי"ש.

[כט] עי' הסיפור בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות מ' (ב'): מַעֲשֶׂה בְּאִישׁ אֶחָד וּשְׁמוֹ ר' יִשְׂרָאֵל מִנֶּעמִירוֹב אֲשֶׁר הִפְצִיר אֶת אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל שֶׁיַּסְכִּים לוֹ לִנְסֹעַ לִמְקוֹם הַמִּלְחָמָה בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה, וַאַדְמוֹ"ר זַצַ"ל מִדְּרָכָיו הַנֶּעְלָמִים לִבְלִי לִדְחֹק אֶת עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר (כַּמּוּבָא מִזֶּה הַרְבֵּה בְּסִפּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים), וּמֵחֲמַת שֶׁאַף-עַל-פִּי-כֵן לֹא רָצָה בְּשׁוּם אֹפֶן לְהַסְכִּים לוֹ, עָנָה וְאָמַר לוֹ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: זָאלְסְט זִיךְ פִיר נֶעמִין יוֹא מִיט נֵיין גְלַיְיךְ, הַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה בֶּאֱמֶת שָׁוֶה אֶצְלוֹ בְּלִבּוֹ אִם לִנְסֹעַ אוֹ לַאו, אַחַר-כָּךְ תֹּאמַר ה' קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אוּן אַחַר-כָּךְ ווִי סֶ'וֶועט דִיר אַרַיְין קוּמֶען אִין דֶער מַחֲשָׁבָה אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּהְן! ועיי"ש המשך הסיפור.

**אבער אז מען רעדט עס אוים פאר השי"ת: "ווי אזוי זאל איך טוהן? איך האב עפּעס א ספסוק מיט יענעם, צו מיין איך נאר אמת? צו בין איך פּארמישט מיט פניות?! בין איך פּארמישט מיט זאכענישן??!".**

❖

אפילו ביי 'קינדער', ביי די חינוך פון קינדער דארף מען אויך אזוי, אמאל א טאטע פירט קינדער, אמאל קען זיך אריינכאפּן ביי דעם טאטן א נצחון, א כעס אויפן קינד, דאס טויג אויך נישט!

מען מעג נאר מיינען דעם חינוך פונעם אויבערשטן, מער נישט!

זיי דערציילן דארטן, די וואס האבן געלערנט דארטן אין באראנאוויטש ביי ר' אלחנן וואסערמאן, איינער א איד א גדול האט געהאט דארטן א זוהן, היינט איז דער זוהן אין אמעריקע, דער אינגל האט קאמאנדעוועט, האט ער אים צוגערופן צו זיך, געהאלטן דעם 'יורה דעה', (והסביר לו:) **"דער יורה דעה זאגט אז איך זאל דיר געבן א פּעטשל!".**

ער האט אים געגעבן א פּעטשל! נאר פריער האט ער אריינגעקוקט אין יורה דעה, צו דער יורה דעה הייסט!

אין א פּעטשל קען זיין אמאל א נצחון, דער טאטע וויל געבן א פּאטש און ס'מישט זיך אריין א נצחון אויך דערין, האט ער געהאלטן דעם 'יורה דעה', "עס שטייט דא אז איך דארף דיר געבן א פּעטשל".

אזוי איז געווען מיט אן אמת! אפילו 'די זאך' האט ער אויך געזעהן ס'זאל נישט זיין אריינגעמישט אייגענע נגיעות מיט אייגענע זאכענישן, נאר אן אמת פאר'ן אויבערשטן!

דער רבי דערציילט דארטן[ל] - ער האט נאר געמיינט דעם אויבערשטן'ס כבוד, קיין שום נגיעה נישט געהאט, ער האט נישט געהאט קיין שום נגיעה נאר כבוד השם!

❖

[ל] עי' סיפורי מעשיות - מעשה ה', 'בן מלך שהיה מאבנים טובות'.

**דער רבי זאגט דאס לשון:[לא] (התאוה שיש לכמה בני אדם להיות) 'מפורסם' וכו' - ער זאל נאר מיינען כבוד ה', קיין שום זאך נישט, נאר כבוד ה', אז ער זאגט עפעס א דיבור - נישט מיינען קיין שום נגיעה עצמית, גארנישט, נאר כבוד השם - דאס איז דער כבודו יתברך!**

**און צו דעם דארף מען האבן זייער גרויס רחמים, זייער גרויס רחמים! נאר מיינען כבוד השם!**

**אבער דער כח פון 'דיבורים' האט א כח אז ס'זאל אין מענטשן נצמח ווערן 'אמת'! דער אויבערשטער איז דער 'מקור האמת'!**

**מיר האבן נישט קיין 'רוח הקודש' מען זאל אונז ענטפערן מן השמים 'עשה כך', צו 'עשה כך'! נאר פון דעסטוועגן, ווייל מען רעדט צום אויבערשטן - און ער איז דער מקור האמת - מיט אן 'עקשנות', ווערט אין מענטשן נצמח א נקודה פון אמת![לב]**

❖ ❖ ❖

# גילדענע נעכט

**ס'גייט דאך עפעס אזא מין ווינטער, גילדענע נעכט, אה, 'גילדענע נעכט',[לג] יעדער נאכט - א 'פארמעג'!**

---

[לא] עי' שיחות הר"ן אות מ"ז: ... וּמֵחֲמַת שֶׁאֵין הָאָדָם מְיַשֵּׁב עַצְמוֹ וְאֵין לוֹ דַּעַת ... מֵחֲמַת זֶה אֵין מְבִינִים שְׁטוּת הָעוֹלָם הַזֶּה ... **בִּפְרָט הַתַּאֲוָה שֶׁיֵּשׁ לְכַמָּה בְּנֵי אָדָם לִהְיוֹת מְפֻרְסָם** וּלְהַנְהִיג הָעוֹלָם וְלִנְסֹעַ עַל הַמְּדִינָה ... גַּם כְּבָר הוֹכִיחַ אֶת אֶחָד מֵאֲנָשִׁים כָּאֵלּוּ שֶׁהִתְאַוָּה לִהְיוֹת מְפֻרְסָם וְאָמַר לוֹ: **הֲלֹא לֹא תוּכַל אֲפִלּוּ לְבָרֵךְ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בֶּאֱמֶת**, כִּי תִּצְטָרֵךְ בְּכָל מַעֲשֶׂיךָ לְכַוֵּן שֶׁיִּתְקַבְּלוּ מַעֲשֶׂיךָ בְּעֵינֵי בְּנֵי אָדָם, **וְלֹא תוּכַל לַעֲשׂוֹת שׁוּם עֲבוֹדָה קַלָּה לְשֵׁם שָׁמַיִם**. ועי' חיי מוהר"ן אות תקל"ח: אָמַר עַל אַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁקָּשֶׁה לָהֶם שֶׁיָּרִימוּ אֶת עַצְמָן לְהַנְהִיג בְּרַבָּנוּת וְהִתְנַשְּׂאוּת מֵחֲמַת שֶׁהִכְנַסְתִּי בָּהֶם אֱמֶת הַרְבֵּה יוֹתֵר מִדַּי.

[לב] עי' ליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה ד' אות כ"ד: ...וּבְכָל דָּבָר שֶׁהוּא מְסֻפָּק בּוֹ וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ הָאֱמֶת, יַחֲשֹׁב בְּלִבּוֹ שֶׁהוּא רוֹצֶה רַק הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, וִיבַקֵּשׁ מֵה' יִתְבָּרַךְ **שֶׁיְּזַכֵּהוּ לִנְקֻדַּת הָאֱמֶת** ... וּמִי שֶׁחָפֵץ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְאֵינוֹ מַטְעֶה אֶת עַצְמוֹ **בְּוַדַּאי סוֹף כָּל סוֹף יִזְכֶּה לָאֱמֶת**... ועי' הל' תפלת המנחה ו' אות ה': ... כִּי מִי שֶׁכַּוָּנָתוֹ אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ **לֹא יַזִּיק לוֹ שׁוּם מַחֲלֹקֶת**, מֵאַחַר שֶׁהוּא חָפֵץ רַק בְּהָאֱמֶת ... כִּי הֶחָפֵץ בֶּאֱמֶת מוֹסְרִין לוֹ מַלְאָךְ שֶׁל אֱמֶת, וְיִזְכֶּה לֵידַע הָאֱמֶת ... כִּי אֱמֶת הוּא אוֹר ה' יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, **וּמִי שֶׁחָפֵץ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ מֵאִיר לוֹ ה' יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ** לָצֵאת מִתּוֹךְ הַחֹשֶׁךְ וָאֲפֵלָה (כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה וְכוּ'. עַיֵּן שָׁם בְּסִימָן ט)...

[לג] עפ"י מאמרו של רבי פנחס קאריצער זצ"ל, שהיה אומר אחר סוכות בתחילת החורף **"אט גייט די גילדענע נעכט"!** מוזכר בשיחות רלוי"צ ז"ל כמה פעמים.

רבי נתן האט געזאגט אויף זיך, אזא מין מחלוקת האט ער געהאט, מען האט ממש געוואלט אים הרג'ענען, געוואלדיג וואס אויף אים איז איבערגעגאנגען, האט ער געזאגט: **"אז איין נאכט - די עבודה איז נישט אזוי ווי ס'דארף זיין, איז ביי אים ערגער ווי די אלע מחלוקת'ן!".**[לד]

'איין נאכט' אז די עבודה איז נישט אזוי ווי ס'דארף זיין!

דער איד איז געווען אזוי מקושר צום אויבערשטן, צום תכלית, אז וואס איז די מחלוקת שוין?![לה]

**"אט וועט מען זאגן ס'איז שוין 'פערציג יאר' נאך ר' נתן'ען!"**,[לו] ס'איז שוין היינט הונדערט דרייסיג יאר נאך ר' נתן'ען... וואס זעהט זיך עס אן?!

'איין נאכט', די עבודה! רבי נתן האט פארבראכט א נאכט! ער איז געווען צוויי מאל אין מקוה - פאר חצות און פארן דאווענען. "איין נאכט אז ס'איז נישט אזוי די עבודה - איז מיר ערגער!".

(השואל: אין די צייטן פון די מחלוקת האט ער דאס געטוהן?) **יא, אזוי האב איך געהערט!**

**אמאליגע מקוואות, אייז, אייז! אינדרויסן איז קאלט.**

---

[לד] עי' כעי"ז בעלים לתרופה כמ"פ, עי' מכתב קס"ו: ...מִצַּד זֶה מַחֲלֹקֶת כָּזֶה בִּבְזְיוֹנוֹת כָּאֵלֶּה בַּחֲרִיקוֹת שִׁנַּיִם כָּזֶה וְכוּ', וְעַל כֻּלָּם הוּא הַשּׂוֹנֵא הַגָּדוֹל שֶׁבְּתוֹךְ הָאָדָם בְּעַצְמוֹ שֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מֵחָדָשׁ... ושם מכתב קס"ג: ...אֲשֶׁר הוּא יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו מַרְחִיב לָנוּ בַּצַּר בִּמְעוּף צָרָה וְצוּקָה מִכָּל צַד, בְּמַחֲלֹקֶת כָּזֶה בִּבְזְיוֹנוֹת כָּאֵלֶּה בְּדַחֲקוּת פַּרְנָסָה כָּזֶה, וְהָעִקָּר בְּדַחֲקוּת פַּרְנָסַת הַנֶּפֶשׁ כָּזֶה, אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְהִתְפַּלֵּל שׁוּם תְּפִלָּה כָּרָאוּי וְכוּ'. ושם מכתב קע"ג: אַךְ עֲדַיִן צְרִיכִין עוֹד לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וּבְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ כָּל אֶחָד וְאֶחָד כִּי בְּצָרָה גְּדוֹלָה אֲנַחְנוּ, וְאָנוּ צְרִיכִין יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים רַבִּים, וַהֲלֹא גַּם בְּלֹא זֶה צָרִיךְ כָּל אֶחָד יְשׁוּעוֹת הַרְבֵּה לְנִגְעֵי נַפְשׁוֹ וּמַכְאוֹבָיו, שֶׁזֶּה עִקַּר הַצָּרָה וְהָרַחֲמָנוּת כַּיָּדוּעַ לָכֶם, וְכָל הָרַעַשׁ וְהַצָּרָה הַזֹּאת לֹא בָּאָה כִּי אִם לְעוֹרְרֵנוּ וְלַהֲקִיצֵנוּ מִשְּׁנָתֵנוּ...

[לה] עי' עלים לתרופה מכתב קע"א בדברי המעתיק (ה"ה הרב מטשעהרין זצ"ל): ... וְגַם הָבֵן גֹּדֶל הָרְדִיפוֹת וְהַסַּכָּנוֹת שֶׁעָבַר עָלָיו כָּל יְמֵי חַיָּיו הַקְּדוֹשִׁים, מַמָּשׁ כֹּחַ בַּרְזֶל הָיָה כֹּחוֹ שֶׁסָּבַל כָּל הַנַּ"ל, וְאַף עַל פִּי כֵן לֹא שָׁת לִבּוֹ לְכָל הַנַּ"ל לְהִתְעַצֵּל אוֹ לְהִתְעַצֵּב ח"ו בַּעֲבוֹדַת ה' שֶׁעָבַד כָּל יָמָיו, רַק עוֹד קֵרֵב אֶת עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם, וְלָמַד וְלִמֵּד וְעָשָׂה וּמְעַשֶּׂה לְרַבִּים, וְהַכֹּל בְּכֹחַ וּבְהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל וְעָצוּם מְאֹד...

[לו] ע"פ דיבורו של מוהרנ"ת, עי' שיש"ק ח"ב אות תש"ס: בְּעֵת שֶׁלָּקְחוּ אֶת מוֹהֲרְנַ"תְּ לְמַאֲסָר בְּהִשְׁתַּדְּלוּת הַמִּתְנַגְּדִים וְכוּ' וְלִוּוּ אוֹתוֹ הַמִּתְנַגְּדִים בְּבִזָּיוֹן גָּדוֹל וכו', שָׁמְעוּ אַנַ"שׁ אֵיךְ שֶׁמּוֹהַרְנַ"תְּ אוֹמֵר: "וְכִי מָה אֲנִי שׁוֹמֵעַ אוֹתָם, הִנֵּה אוֹמְרִים שֶׁזֶּה כְּבָר אַרְבָּעִים שָׁנָה לְאַחַר פְּטִירָתוֹ שֶׁל רַבִּי נָתָן", "וָואס הֶער אִיךְ זַיי, הָאט וֶועט מֶען שׁוֹין זָאגְן סְ'אִיז שׁוֹין פֶּערְצִיג יָאר נָאךְ רַבִּי נָתָן". כָּל-כָּךְ הָיָה דָּבוּק תָּמִיד בְּזִכְרוֹן יוֹם הַמִּיתָה.

איז איין נאכט אז די עבודה איז נישט אזוי - איז אים ערגער ווי די אלע מחלוקת'ן אינגאנצן! - אזוי איז ער געווען מקושר אינעם תכלית - אין עלמא דאתי!

"אט איז שוין פערציג יאר נאך ר' נתן'ען", און וואס זעהט זיך עס אן?!

**דער אויבערשטער איז אמת, און מען דארף זיך נאר ציהען צום אמת!**[לז]

❖

# עיקר השתוקקות של השי"ת אל האמת

אז ר' נתן איז נפטר געווארן, איז געווען אסאך וואס האבן געזאגט אויף אים 'שבחים', "ר' לייבעלע" איז געווען, ר' אברהם ר' נחמן'ס רבי, "ר' מאיר לייב",[לח] האט ער געזאגט: **"אט דאס איז געווען אן אמת'ער איד! אט אזוי דארף זיין א איד!".**

דאס איז דער גרעסטער שבח! "אן אמת'ער איד! אט אזוי דארף זיין א איד!", דאס איז דער גרעסטער שבח - מען גייט אוועק פון דעם עולם 'א איש אמת'!

אויבן גלוסט מען נאר צום 'אמת', זאגט דער רבי ווייטער:[לט] **"א'מה ת'כלנה מ'למעלה ראשי תבות אמת!"**, און 'תכלנה' איז א לשון 'גלוסטן', 'כלתה נפשי'!

אויבן גליסט מען נאר צום 'אמת', אויב ס'איז א 'דיבור אמת' כאפט מען אים אויס אויבן, דאס גלוסט מען אויבן!

---

[לז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קי"ב: ...**עִקַּר עֲצָתוֹ שֶׁיַּמְשִׁיךְ עַצְמוֹ לְהָאֱמֶת**, וְיַבִּיט עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, וִיבַקֵּשׁ רַק הָאֱמֶת הָאֲמִתִּי, וּכְנֶגֶד זֶה אֵין שׁוּם חֹשֶׁךְ וְסִבּוּב שֶׁיַּחֲשִׁיךְ לוֹ, **כִּי הָאֱמֶת הוּא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ**, וְהוּא בְּחִינַת "ה' אוֹרִי"...

[לח] ה"ה רבי מאיר לייב בלעכער, תלמיד-חבר למוהרנ"ת, ורבו של ראבר"ן בנגלה.

[לט] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קי"ב: ...וְהַיְנוּ 'וְאֶל אַמָּה', שֶׁתְּדַבֵּר דִּבּוּרִים אֲשֶׁר תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה, מִלְּשׁוֹן (תְּהִלִּים פ"ד): "כָּלְתָה נַפְשִׁי", שֶׁיִּהְיֶה נִכְסָפִין לָהֶם לְמַעְלָה שֶׁיִּהְיוּ דִּבּוּרֵי אֱמֶת הַמְּאִירִים... ועי' תו' ט' (המצורף לתו' קי"ב) אות ג': ...וְעִקַּר הִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵינוֹ אֶלָּא אֶל הָאֱמֶת, וְזֶה: **"וְאֶל אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה"**, לְשׁוֹן (שְׁמוּאֵל־ב י"ג): "וַתְּכַל נֶפֶשׁ דָּוִד" ... הַיְנוּ שֶׁתִּרְאֶה שֶׁיֵּצְאוּ הַדִּבּוּרִים מִפִּיךָ בֶּאֱמֶת, וְאָז יִשְׁתּוֹקֵק הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מִלְמַעְלָה לִשְׁכֹּן אֶצְלְךָ; וּכְשֶׁיִּשְׁכֹּן אֶצְלְךָ, הוּא יָאִיר לְךָ. וְזֶה: **אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה - רָאשֵׁי־תֵבוֹת אֱמֶת**, כִּי עַל־יְדֵי אֱמֶת הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא חוֹמֵד מִלְמַעְלָה לִשְׁכֹּן עִם הָאָדָם...

נו, אז מען וועט זיך עקשן'ען, רעדן צום אויבערשטן דיבורים, וועט זיך אריינכאפן 'דיבורי אמת', און דאס וועט מיר לייכטן![מ] ווער איך וויסן ביי וואס איך האלט, איך וועל נישט לאזן זיך נארן!

נו, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן.

❖ ❖ ❖

## ווי מען טוט - טוט מען...

(השואל: ווי אזוי זאגט מען ביי 'רפאנו', מען זאגט נישט די אלע אריכות דארטן?) **דער אזוי, און דער אזוי...** (השואל: ס'איז נישט געוועןקיין קביעות אויף דעם נוסח?) **איך וויס?! איך זאג "והעלה רפואה שלמה לכל מכותינו", איך זאג נישט מערער.**

**"וויאזוי מען זאגט - זאגט מען, אבי קיין שלעכטס נישט"![מא]**

(ר' נחמן בורשטיין: און ביי 'חננו מאתך דעה בינה והשכל - חכמה בינה ודעת'?) **יא שוין, ווייטער...** (רנ"ב: ווי אזוי איז געווען אונזער נוסח אין אומאן?) **"חכמה בינה ודעת"!**

'שכל' איז דאך 'חכמה', 'השכל' איז אויך 'חכמה', איז 'דעה בינה והשכל' אויך אזוי ווי 'חכמה בינה ודעת', ווארום שכל איז חכמה! נאר וואס דען, מען הויבט אן פריער ביי 'חכמה', און 'דעת' איז די לעצטע! מיר זאגן 'חכמה בינה ודעת', 'דעת' איז התחברות פון 'חכמה ובינה' - זאגט די רבי אין די תורה, 'חכמה' איז 'אברהם', 'בינה' איז 'יצחק' - 'גבורה', 'חסד וגבורה', און 'דעת' איז א חיבור![מב]

---

[מ] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קי"ב שם: ... **עַל יְדֵי שֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לְדַבֵּר בִּתְפִלָּתוֹ הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת כְּפִי מַה שֶּׁהוּא, אַף עַל פִּי שֶׁהַחֹשֶׁךְ וְהַמְּנִיעוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים מְסַבְּבִין וּמַקִּיפִין אוֹתוֹ מִכָּל צַד וּמִצְּדֵי צְדָדִים, וּמְבַלְבְּלִין אוֹתוֹ מְאֹד מְאֹד, עַד שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל כְּלָל, אַף־עַל־פִּי־כֵן עַל כָּל פָּנִים יִרְאֶה לְדַבֵּר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה שֶׁהוּא כַּנַּ"ל, וְכֵן יִרְאֶה לְהַמְשִׁיךְ אֶת עַצְמוֹ תָּמִיד אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְכַנַּ"ל, וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ ... וְיִזְכֶּה לִרְאוֹת וְלִמְצֹא פֶּתַח תִּקְוָה גַּם בְּעֹמֶק נְפִילָתוֹ, לָצֵאת מֵאֲפֵלָה לְאוֹרָה, וּלְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת תָּמִיד...**

[מא] עפ"י מליצת לשון רביז"ל בחיי מוהר"ן אות רס"ט: לְעִנְיַן הַבִּלְבּוּלִים שֶׁמְּבַלְבְּלִים אֶת הָאָדָם בַּעֲבוֹדָתוֹ, שֶׁלִּפְעָמִים נִדְמֶה שֶׁכָּךְ הוּא צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת וּלְהִתְנַהֵג, וְאַחַר כָּךְ נִדְמֶה לוֹ שֶׁלֹּא כֵן הָיָה צָרִיךְ לְהִתְנַהֵג רַק בְּדֶרֶךְ אַחֵר וְכוּ', וְלִפְעָמִים יֵשׁ לְהָאָדָם בִּלְבּוּלִים גְּדוֹלִים מִזֶּה. עָנָה וְאָמַר: מַה צְּרִיכִין לְהִתְבַּלְבֵּל, אֵיךְ שֶׁעוֹשִׂין - עוֹשִׂין וּבִלְבַד שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת רַע ח"ו. **וְויא מֶען טִיט, טִיט מֶען. אַבִּיא מֶעטִיט נִיט קַיין שְׁלֶעכְץ ח"ו.**

[מב] עי' תו' ד' אות ד'.

הכלל נאכאמאל, "ווי מען זאגט זאגט מען, אבי קיין שלעכטס נישט!".

(השואל: ביי שחרית האט מען טאקע געזאגט נאך די ברייתא פון ר' ישמעאל, "וערבה לה' מנחת יהודה וירושלים" וכו', מען האט געזאגט דעם גאנצן יהי רצון אזוי ווי נאך שמונה עשרה? אין די סידורים שטייט נישט די גאנצע אריכות, עס שטייט נאר 'ותן חלקנו בתורתך', און אין אנדערע שטייט 'ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות', און ביי אונזערע לייט האט מען געזאגט, 'וערבה לה' מנחת יהודה' אויך?) **יא יא אלע דריי!** (היינו, 'שיבנה בית המקדש' וכו', 'ושם נעבדך ביראה' וכו, 'וערבה לה' מנחת יהודה' וכו').

**[נו הגיע זמן מנחה!** (ר' נחמן בורשטיין: ס'איז נאך דא א דריי פערטל שעה), **צען מינוט נאך פינעף איז שוין נאך מנחה - איז שוין די שקיעה, היינט איז שוין ניין מינוט נאך פינעף די שקיעה - איז שוין נאך מנחה.]**

❖ ❖ ❖

# ושמור צאתנו ובואנו...

(מכאן חלקים מהשיעורים בלקוטי מוהר"ן שנמסרו בין מנחה למעריב, מתורה ק"ז תניינא - עד תורה קט"ז).

(מתוך השיעור בליקו"מ תורה קי"ד:) **"סע האט א פנים אז מ'מוז זיך פון א הרהור זייער היטן", והבנתי אז בלשונו הקדוש ומתנועותיו הקדושים בעת שדיבר זאת, שאז נתגלה לו בהשגותיו הנוראות עצם פגם ההרהור ח"ו, שפוגם מאד מאד רח"ל, ואי אפשר לצייר זאת בכתב.**

וואס הייסט "מען דארף זיך היטן?", זיך היטן פון זאכן וואס זענען גורם דעם הרהור! אז א הרהור איז אזוי - דארף מען זיך היטן פון דעם, נישט גיין דארטן וואו מען דארף נישט! 'עין רואה והלב חומד'![מג] אז די אויג קוקט, איז די הארץ גלוסט!

(א' הנוכחים: און אז מען מוז גיין?) ס'איז א מלחמה! ס'איז א מלחמה!

א מענטש אז ער מוז גיין, זאל ער וויסן אז ער גייט ארויס אויף א מלחמה! דארף מען בעטן דעם אויבערשטן ער זאל ארויסגיין לחיים ולשלום און קומען צוריק לחיים

---

[מג] רש"י פרשת שלח ט"ו ל"ט ד"ה ולא תתורו אחרי לבבכם.

ולשלום, א יוצא ונכנס לשלום זאל ער זיין, 'ושמור צאתנו ובואנו לחיים ולשלום', בעטן דעם אויבערשטן!

אז מען זאגט 'תפילת הדרך' אז מען פארט אין וועג - אז מען גייט ארויס אין גאס דארף מען אויך זאגן 'תפילת הדרך'! בעטן דעם אויבערשטן, 'שתוליכנו לשלום', 'ותחזירנו לחיים ולשלום', 'ותצילנו מכף כל אויב ואורב ולסטים בדרך', 'וחיות רעות' - וואס קומען אינמיטן וועג, ס'איז חיות רעות'![מד] 'המתרגשות ובאות לעולם'![מה]

(כאן חסר קצת)

❖ ❖ ❖

# קביעות עתים לתורה

(שיעור בליקו"מ תורה קט"ו:) **"סיפר שהיה לו התחזקות גדול בעבודתו ולא הניח עצמו לבלבל וכו' בכל פעם מעבודה לעבודה ומדרך זה לדרך אחר, רק היה חזק לילך בדרך אחד זמן גדול כנ"ל וכו',** (עיי"ש).

ס'איז פאראן דער 'בעל דבר', אז איינער מאכט זיך א שטיקל סדר, א קביעות אין לערנען, דאווענען, קומט ער (הבעל דבר) מאכן שוין: "ניין, מאך אן אנדער וועג, וועסט מאכן בעסער!", - פארדרייען דעם קאפ!

זאל ער זיך איינ'עקשנ'ען: "ניין! דעם דרך וויל איך, דאס וויל איך! זאג מיר נישט אז יענץ איז בעסער!".

(השואל: אפשר איז אים פארט איינגעפאלן, און איצטער ער האט א נייע וועג?) דער 'איינגעפאלן' איז נאר א 'מעשה בעל דבר'! ער וויל אים אפקלאפן פון דעם וועג, און נאכדעם וועט ער אים זאגן אז יענער וועג טויג אויך נישט!...

אז ער האט זיך געמאכט א קביעות, די קביעות פון תורה ותפילה, האלט זיך אין דעם וועג! האלט זיך א שטיקל צייט, וועסט ווערן נקבע אין דער זאך, קענסטו

---

[מד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רל"ג: ...וּמַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת הֵם בְּחִינַת חַיּוֹת טְמֵאוֹת...

[מה] עי' שו"ע יורה דעה הל' מזוזה רפ"ה סעיף ב' ברמ"א: יֵשׁ אוֹמְרִים כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא מִן הַבַּיִת יַנִּיחַ יָדוֹ עַל הַמְּזוּזָה וְיֹאמַר: ה' יִשְׁמֹר צֵאתִי וְכוּ'. ובברכי יוסף שם ס"ק ד': והאר"י זצ"ל כתב יניח אצבעו הנקרא אמה על שדי וינשקהו ויתפלל לה' שישמרנו בשם שדי וחילופו באותיות המאוחרות תכ"ה שיצילנו מיצר הרע.

נאכדעם מאכן אביסל א חילוף! אבער באלד דערנאך זאגן 'דאס טויג נישט', 'דאס טויג נישט', ער וועט תמיד פארדרייען דעם קאפ! ער וועט דיר קיינמאל נישט לאזן האבן עפעס א קביעות אין א זאך! דאס איז זיין וועג, דאס איז זיין זאך!

חז"ל זאגן: "קבעת עיתים לתורה",[מ'] 'קבעת'! לאז זיך נישט פארדרייען דעם קאפ מיט אנדערע זאכן, מאך א קביעות און האלט זיך מיט די קביעות!

דער בעל דבר האט זייער פיינט אז א מענטש האט א קביעות, ער וויל - לערן היינט 'צוואנציג בלאט', אבער מארגן גארנישט! דארף איך זאגן: 'ניין, לערן היינט 'צוויי בלאט', און מארגן אויך 'צוויי בלאט', און כסדר גיין אויף דעם קביעות!

"איך וועל דיר צולאזן דו זאלסט לערנען היינט אסאך, אבער מארגן זאלסטו גארנישט לערנען", ניין! האב א קביעות אלע טאג!!

לערנען 'דאס', 'שלחן ערוך', 'משניות', 'דעם רבי'נס ספרים', ביי וואס ער מאכט זיך א קביעות - זאל זיין ביי דיר א קביעות אלע טאג! 'תהלים', 'תפילות', 'התבודדות', האב א קביעות!

די 'קביעות' האט א געוואלדיגער חשיבות ביים אויבערשטן - די קביעות!

א מענטש האט א קביעות אויף אלע זאכן, 'עסן', 'טרינקען', 'שלאפן', ער האט א קביעות - איז האב א קביעות אויף דעם אויך!

❖

# יש 'סדר' למשנה...

איך האב אמאל געזעהן אין א חלום 'לייבעלע וועלסטאקער', ער איז א געוואלדיגער בקי געווען אין ספרים, ער פלעגט אלץ קוקן 'ספרים' 'ספרים', אסאך ספרים האט ער געקוקט, ער האט געקענט אסאך לערנען! נאר וואס דען? ער פלעגט קוקן אסאך ספרים, געביטן, ער האט נישט געהאט קיין קביעות - לערנען דארטן 'ש"ס', לערנען 'שלחן ערוך', פארוואָרפענע ספרים האט ער געהאט!

---

[מ'] שבת דף ל"א ע"א.

איך האב אים געזעהן דארטן נאך די פטירה, ער איז געגאנגען אביסל אומעטיג! זאגט ער מיר: "דארטן מאנט מען, פארוואס איך האב נישט געלערנט כסדר קיין ש"ס און ארבעה שלחן ערוך'ס! - מאנט מען מיר".

איך האב געוואוסט אז דאס איז געווען זיין חסרון, ער האט געווארפן, ער האט געלערנט ספרים, 'דעם ספר', 'דעם ספר'.

"מען מאנט דארטן פארוואס איך האב נישט געלערנט כסדר ש"ס און ארבעה שלחן ערוך'ס".

איך האב אים געזעהן אין חלום, ער איז געווען זייער צוטראגן, (האב איך אים געפרעגט:) "וואס זענט איר אזוי צוטראגן - ר' לייב?" (ענה:) **"מען מאנט פארוואס איך האב נישט געלערנט כסדר ש"ס און ארבעה שלחן ערוך'ס!"**.

ער פלעגט ארומגיין, קוקן, איך האב געזעהן דארטן, כאפן 'דעם ספר', 'דעם ספר'!

דאס איז נישט קיין קביעות! 'כאפן' - האט ער 'נישט דאס' און 'נישט דאס'![מז]

ער איז געווען א איד א למדן, אבער ער האט געקענט לערנען כסדר ש"ס, כסדר ארבעה שלחן ערוך'ס, "דאס מאנט מען" - זאגט ער, מען מאנט דאס!

פארוואס דארף איך האבן דעם חלום? דאס דארף איך דערציילן אנדערע אויך! אנדערע זאלן וויסן אז דארטן מאנט מען א איד וואס ער האט שייכות צו לערנען - ער דארף האבן א 'שיעור קבוע' אין ש"ס, אין ארבעה שלחן ערוך'ס!

דארטן מאנט מען - פארוואס מען האט נישט געלערנט כסדר ארבעה שלחן ערוך'ס!

(א' הזקנים הנוכחים: און צו ער האט געהאט א שעה התבודדות יעדן טאג מאנט מען אויך?) אפילו ער האט 'התבודדות' - מאנט מען אים 'דאס' אויך!...

הער זיך איין, דאס האט ער מיר געזאגט! "מען מאנט ביי מיר פארוואס איך האב נישט געהאט קיין שיעור קבוע אין ש"ס און ארבעה שלחן ערוך'ס", ער איז געווען א

---

[מז] עי' עלים לתרופה מכתב ו': ...הֲלֹא יָדַעְתָּ כִּי רְצוֹנִי בְּסֵדֶר הַלִּמּוּד הוּא לִלְמֹד כְּסֵדֶר דַּיְקָא, (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן ע"ו), ... לֹא כְּמוֹ שֶׁנּוֹהֲגִים בְּנֵי הַנְּעוּרִים לַחֲטֹף בְּכָל זְמַן הִלְכְתָא מְיֻחֶדֶת ... וְנִשְׁאָרִים קֵרֵחַ מִכָּאן וְקֵרֵחַ מִכָּאן, וְזֶה וָזֶה לֹא עָלְתָה בְּיָדָם, וּמְאוּמָה לֹא יִשְׂאוּ בַּעֲמָלָם, כִּי כַּאֲשֶׁר יִגְדְּלוּ אֵינָם יוֹדְעִים שׁוּם דִּין וַהֲלָכָה אֲפִלּוּ בְּמָקוֹם אֶחָד...

למדן, א למדן, נאר געווען א 'צו-ווארפענער לערנער' געווארפן דאס, דאס, כסדר געקוקט אין ספרים, אלעמאל געקוקט אין אנדערע ספרים!

אזוי איז געווען, ער האט געהאט אזא נאטור! איך האב אים געקענט, ער איז נישט געזעצן ליידיג, ער פלעגט לערנען, אבער דארטן ווייזט אוים וויל מען זאלסט האבן - א איד א למדן - זאלסטו האבן א שיעור אין 'ש"ס' און א שיעור אין 'ארבעה שלחן ערוך'ס'!

❖ ❖ ❖

# כי איש כשר הוא ענין אחר לגמרי

(שיעור בליקו"מ תורה קט"ז:) "סיפר שכשהיה בארץ ישראל" וכו', **כמו כן הצדיק והאנשים כשרים, לערך שאר העולם, שבאמת הם דומים בכל תנועותיהם כשאר בני אדם בדמותם וצלמם, ואין ביניהם הפרש בגשמיות לכל מראה עיני בשר, ואף על פי כן באמת לאמתו אנו מאמינים שהם מופרשים ומובדלים לגמרי, כי איש כשר הוא ענין אחר לגמרי כנ"ל, מכל שכן הצדיקים האמתיים. וענין זה נצרך לכמה ענינים, והבן זה מאד.**

מען האט אמאל גערעדט די גרויסקייט פון ר' נתן'ען - ר' נתן'ס מענטשן, האט זיך אנגערופן איינער: **"איך האב אים געקענט, ער איז געגאנגען א פראסט היטל!"**.

דער רבי זאגט דא אז מענטשן דערקענען אים נישט אינעם 'פנים', סיידן די גרויסע צדיקים!

**דער 'טירהאוויצער מגיד' האט דערקענט דעם רבי'ן! "איר פארבאהאלט זיך פון די גאנצע וועלט, פון מיר אוודאי, איר וועט זיך פון מיר נישט באהאלטן!",**[מח] האט ער דערקענט דעם רבי'ן! אבער אזוי, ווער האט דערקענט דעם רבי'ן?!

[מח] כך התבטא פעם לפני רביז"ל בעת התקרבותו אליו, עי' שיח שרפי קודש ח"ו אות נ"ד.

אז דער רבי איז געפארן א נסיעה מיט ר' שמואל טעפליקער, ר' שמואל איז געגאנגען אנגעטוהן מיט א 'בגד משי', ער איז געווען א געשטעל, דער רבי איז געווען אויסגעדארט מיט תעניתים, אפגעטריקנט, האבן אלע געמיינט אז ר' שמואל איז דער רבי![מט]

(כאן חסר קצת)

❖

# 'דארטן' וועט זיין וואו צו קוקן

'רבי וואלף קיצעס' ער ליגט טאקע לעבן דעם 'בעל שם' אין מעזיבוש, איינער לעבן דעם אנדערן. ער איז געווען זייער א שיינער מענטש דער 'רבי וואלף קיצעס', א יפה תואר געווען, ער פלעגט ארויסגיין פון די מקוה פרייטאג האט דאס פנים געלויכטן אזוי ווי די זון, געלויכטן דאס פנים, א געוואלד!

די צוויי ברידערלעך 'רבי ברוך'ל' מיטן 'דגל' האבן באמערקט אז ער גייט ארויס פון מקוה פרייטאג, א לעכטיגקייט אויפן פנים, האבן זיך פארבאהאלטן די קינדערלעך ביידע, זעהן ווי ער וועט ארויסגיין פרייטאג פון מקוה, וועלן זיי אים אנקוקן, וועלן זיי אים זעהן ווי דאס פנים שיינט!

ער האט אבער באמערקט, צדיקים באמערקן באלד, האט ער זיי צוגערופן: קינדערלעך וואס קוקט איר אויף דעם פנים? וואס קוקט איר אויף דעם פנים?! אז ס'קומט דארטן דער ווינטער אין וואלד, דער 'פוקס' איז די קלוגע חיה, די קליגסטע חיה פון אלע חיות, דער פוקס האט א שיין 'פעלעכל', און די שנייי איז דארטן גרויס, און די שנייי איז פארפרוירן, עס בליטשקעט, קאטשעט ער זיך אוים מיט שנייי און דאס פעלעכל הויבט אן אזוי שיין 'בליטשקענען' - דאס פעלעכל! אלע חיות שטייען פון דערווייטנס, זיי קוקן 'אזא שיין פעלעכל'!

ער איז דאך א קלוגע חיה, זאגט ער: "וואס קוקט איר אויף דעם פעלעכל?", דער סוף וועט זיין - מען וועט דאך מיך הרג'נען, מען וועט מיך כאפן וועט מען מיר הרג'נען, דאס פעלעכל וועט באקומען א שלעכטן ריח, וועט מען דאס פעלעכל מוזן

---

[מט] עי' הסיפור בכוכבי אור - כרך ששי אות ג'.

גיין דארטן אויסארבעטן מיט קאלעך, אזוי ווי מען מאכט גוטע פעל, און מען וועט ארויסנעמען דעם שלעכטן ריח, און מען וועט קומען אויפן גרויסן יריד, און מען וועט געבן א געשריי ׳בלאנק׳, [׳בלאנק׳ הייסט א שיינע פאדעשעווע - גוטע לעדער, ריין, גוט אויסגעארבעט, די שענסטע לעדער, - הייסט דאס ׳בלאנק׳], דעמאלט וועט עס זיין א ׳שיין פעלעכל׳! - אזוי זאגט דער פוקס צו די חיות, איצטער איז נישטא וואס צו קוקן!

ער רופט זיך אן אויף זיך אויך אזוי (- ר׳ וואלף): **״וואס קוקט איר אויף דעם פנים? דער סוף וועט זיין אז ער וועט באקומען דעם ׳געלן פאטרעט׳, דאס הייסט ער וועט זיין א נפטר, מען וועט קומען אויפן ׳גרויסן יריד׳, דארטן אז מען וועט געבן א געשריי ׳בלאנק׳ - וועט דארטן זיין וואס צו קוקן! דא זאלט איר גארנישט קוקן!!״.**

׳רבי וואלף קיצעס׳ איז געווען אזא צדיק, אזא קדוש, האט ער אזוי געזאגט: קוקט נישט אויף דעם פנים, דארטן אז מען וועט שרייען ׳בלאנק׳ - - -

❖

# מיין ׳שווארצער׳ איז שענער פון אים...

״ר׳ עוזר״ איז נפטר געווארן - (השואל: ווער?) איינער איז געווען ״ר׳ עוזר״, געווען ר׳ נתן׳ס א תלמיד, ער פלעגט אוועקגיין מוצאי שבת (להתבודד) און געקומען צוריק פרייטאג פאר נאכט - פון וואלד! א איד א צדיק!

ער איז נפטר געווארן יונג, איז געבליבן א אינגעלע, געהייסן ׳נחמן׳, ״ר׳ נחמן ר׳ עוזר׳ס״, האט רבי נתן אים מגדל געווען, ער איז געבליבן ביי רבי נתן׳ען אין שטוב, וואו רבי נתן פלעגט גיין, איז ער מיטגעגאנגען מיט אים.

ער ליגט אין טעפליק.

און זיין פנים איז נישט געווען קיין שיינער, ער איז געווען א שווארצער, ער איז נישט געווען קיין שיינער - די גמרא זאגט אויף ר' יהושע בן חנניא אז ער איז נישט געווען קיין שיינער מענטש.[נ]

האט מען געליבט א געוויסן 'מפורסם' מיט א גאנצן 'הדרת פנים', זאגט רבי נתן: "**מיין שווארצער איז שענער פון אים!**", - ער האט מער הדרת פנים פון אים! מיין 'שווארצער' - ר' נחמן ר' עוזר'ס.

נו, איך האב געוואוינט אין טעפליק, האב איך געהערט 'אה אה זיין עבודה', 'אה זיינע חצות'ן מיט זיינע התבודדות'ן'!

"מיין שווארצער איז שענער פון אים", דאס הייסט: ווערט נישט נתפעל פונעם 'הדרת פנים'!

ר' נתן האט געוואוסט ווער ער איז - זיינע 'נעכט' מיט זיינע 'טעג'!

איך האב געהערט פון אים אין טעפליק, א געוואלד געווען, א געוואלדיגער עובד איז ער געווען, אה, א עובד, מיט זיין עבודה!

ער ליגט אין טעפליק - ר' נחמן ר' עוזר'ס, א געוואלד זיין עבודה, א איד א צדיק, א קדוש!

❖

# אל תבט אל מראהו

(חוזר לדיבור הנ"ל מרבי וואלף קיצעס) "אז מען וועט קומען אויפן גרויסן יריד, און דארטן אז מען וועט געבן א געשריי 'בלאנק', דארטן וועט זיין וואס צו קוקן!", האט ער זיי געזאגט - ר' וועלוול קיצעס, 'קינדערלעך' - ווער איז געווען די קינדערלעך? רבי ברוך'ל, מיטן דגל, א קלייניקייט? צדיקים! - 'קוקט נישט אויף דעם פנים!

די גמרא זאגט דאך[נא] אז דעם קיסר'ס טאכטער האט געזאגט צו ר' יהושע בן חנניא: "ווי האט דער אויבערשטער געגעבן חכמה אין אזא מיאוס'ע כלי?", ער איז

---

[נ] עי' מס' תענית דף ז' ע"א.

[נא] תענית דף ז' ע"א.

געוועזן נישט קיין שיינער מענטש - ר' יהושע בן חנניא, ער איז געווען א שווארצער מענטש.

האט ער איר געזאגט: "וואו האלט דיין טאטע וויין? אין א ערדענע כלי?! אלע האלטן אין ערדענע, און דער טאטע אויך אין א ערדענע כלי?!", (ענתה:) "וואו זאל ער האלטן?!", (אמר:) "אין א גאלדענע כלי, אין א זילבערנע כלי!".

האט זי אזוי געטוהן, איז די וויין געווארן קאליע! האט מען אים געשיקט רופן, (אמר:) "זי האט דאך מיר אזוי געזאגט, אז די חכמה ('אי חכמה מפוארה בכלי מכוער') האב איך איר אויך אזוי געענטפערט!".

(אבל באמת) אז די 'חכמה' אז מען לייגט עס אריין אין די 'כלי' איז זי שענער!

זאגט זי: "ס'איז דא אבער חכמים וואס זענען שיינע מענטשן אויך?", האט ער געענטפערט: "ווען זיי זאלן זיין נישט שיין, וואלט געווען נאך שענער די חכמה!".

❖

וואס איז די ראיה דערפון? אז די חכמה - גיבט דער אויבערשטער נאר א 'הייליגן מח', א 'ריינעם מח', אבער דאס 'פנים' איז גארנישט!

א 'שיינער מענטש' - ער איז 'נישט א שיינער מענטש', דארטן לאכט מען זיך אוים דערפון! דארטן איז עס גארנישט, דארטן ווערט מען נישט נתפעל פון די אלע פנים'ער מיט די אלע מעשה'ס!

א ריינער פנים, א הייליגען מויל, אה, דאס איז דארטן ריין! דאס איז א שיין פנים! דער אויבערשטער בארימט זיך אז ער האט א אידן אין דעם עולם - ער האט ריינע אויגן - בארימט זיך דער אויבערשטער מיט אים!

ס'איז א 'התפארות' - זאגט דער רבי אין תורה י"ז[נב] - מיט יעדן איבר בארימט זיך דער אויבערשטער, ער האט א 'ריין מויל', "אין דעם עולם האב איך א אידן - ער האט א ריין מויל!", - בארימט ער זיך אויבן למעלה, ער האט 'ריינע אויגן', ער האט

[נב] שם אות א': ...כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הִתְפָּאֲרוּת בִּפְרָטִיּוּת, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִתְפָּאֵר עִמּוֹ בִּפְרָטִיּוּת ... וְכֵן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, כִּי יֵשׁ בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שֶׁל יִשְׂרָאֵל הִתְפָּאֲרוּת אַחֵר...

א 'ריין מח', ער האט 'ריינע הענט', א 'ריין הארץ', 'נקי כפיים ובר לבב', אט דאס איז שיין!

**נישט אלעס דערקענט מען!**

(א' הנוכחים: מען זעהט א איד א 'בן תורה' ער האט אן איידעלער פנים, און יענער האט א גראבער פנים!?) אבער מיר רעדן דאך דא אפילו א 'בן תורה', און ער האט שוין אן איידעלער פנים, איז אויך נאכנישט דא דאס 'התפארות למעלה' (בשלימות)! אויבן איז א אנדער התפארות! אויבן איז התפארות אז ער האט 'ריינע אויגן', ער האט 'ריינע אויערן', ער האט א 'ריין מויל'!

פארוואס ווערט מען נתפעל? ווייל זיין 'תורה' - האט ער א שענער פנים, אבער נישט דאס איז אינגאנצן!

❖

דער רבי זאגט אין די תורה פון כ"ז:[נג] 'ולהדרת פנים אי אפשר לבא' - זאגט דער רבי - נאר דורך 'תיקון הברית'! אזוי זאגט דער רבי אין תורה כ"ז, "הוד והדר לפניו", אז "עוז וחדוה במקומו", 'עוז' מיינט מען 'תיקון הברית', אט דאס איז א 'הדרת פנים'!

דערפאר טאקע דארף מען נישט נתפעל ווערן, טאמער איז דא א שיינער, ער האט לאנגע פיאות, ער האט א געשטעל, (א' הנוכחים: 'א פעסל קישקעס' - האט דער רבי געזאגט!) יא יא... (עי' לעיל).

דאס דארף מען וויסן, אז למעלה שרעקט מען זיך נישט וואס דו מיינסט! האסטו 'ריינע אויגן' ביסטו אויבן א חשיבות, האסטו א 'ריין מויל' ביסטו אויבן א חשיבות, און כאטש ער איז א שווארצער מענטש!

אויף דוד המלך'ן שטייט, 'אליאב' איז געווען שענער ווי 'דוד המלך', **"אל תבט אל מראהו - כי האדם יראה לעינים וה' יראה ללבב!"**,[נד] א מענטש קוקט אויף די אויגן!

---

[נג] שם אות ו': וּלְהַהְדָרַת־פָּנִים הַנַּ"ל אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא אֶלָּא עַל־יְדֵי תִּקּוּן הַבְּרִית. בִּבְחִינַת (דִּבְרֵי־הַיָּמִים־א ט"ז): "הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו", כְּשֶׁ"עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", שֶׁהוּא בְּרִית...

[נד] שמואל-א' ט"ז ז'.

**'אליאב' איז געווען א שיינער מענטש, 'דוד' איז געווען א קליינינקער, א אינגל, א פאסטוכל, און 'אין אים' האט דער אויבערשטער בוחר געווען!**

(א' הנוכחים: מען האט געזאגט אויפן רבי'ן אז ער איז געווען א 'יפה תואר', ניין?) **'יפה עינים'! רבי נחום** (טשערנאבלער) **האט געזאגט אויפן רבי'ן 'יפה עינים'!**[נה]

(השואל: דארטן שטייט 'כי תבא בכרם ריעך', אין די מעשה - ביים כתב יד - שטייט אז ער איז געווען א יפה תואר),[נו] **די מעשה איז אינגאנצן נישט ריכטיג!**

(ממשיך בשיעור בליקו"מ תורה קי"ז).

❖ ❖ ❖

# תכלית חכמה - תשובה ומעש"ט

**דער רבי האט דאך געהאלטן מען זאל זייער אסאך לערנען, אסאך רעדן, אסאך זאגן!**[נז]

**דער רבי האט געהאלטן אז סוף כל סוף דער זאגן איז** (מעלה גדולה)**, אבער דעם מאכן דאס 'זאגן אליין' פאר אן עיקר - איז אויך נישט קיין אמת!**

**דער 'זאגן' דארף מיר ברענגן דערצו אז דער 'המאור שבה מחזיר למוטב',[נח] דער אור התורה - וועט מחזיר למוטב זיין, דער 'אור התפילה', דער 'אור התורה'! אבער דאס אליין?! אזוי ווי איינער זאגט "אין לו אלא תורה, אפילו תורה אין לו!".**[נט]

**רעדט ארום דער זוהר אין בראשית געוואלדיג דארט, אז דו זאלסט נישט מיינען אז זאגן אסאך - 'זאגן' דאס איז אינגאנצן די זאך, אוודאי מיר דארפן זאגן אסאך, אבער דער 'זאגן' זאל מיר מזכך זיין דעם געדאנק! דער זאגן זאל מיר מזכך זיין דעם פנים! דער זאגן זאל מיר עפעס געבן! נישט אפשטעלן ביים זאגן אליין!**

---

[נה] עי' שיש"ק ח"ב אות רל"ז, וח"ג אות רל"ט.

[נו] ליקוטי מוהר"ן תו' רנ"ז.

[נז] עי' שיחות הר"ן אות י"ט: ... וְכָל עִקַּר מְגַמָּתוֹ וְחֶפְצוֹ הָיָה תָּמִיד רַק לַעֲבֹדוֹת וַעֲשִׂיּוֹת שֶׁל קְדֻשָּׁה בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת כְּלָל, רַק שֶׁנַּעֲסֹק תָּמִיד בַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁל קְדֻשָּׁה בִּפְשִׁיטוּת דְּהַיְנוּ לְהַרְבּוֹת בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה וְלַעֲשׂוֹת מִצְוֹת הַרְבֵּה בְּכָל יוֹם וּלְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים תָּמִיד...

[נח] עפ"י מדרש רבה איכה, בפתיחתא.

[נט] יבמות דף ק"ט ע"ב.

**נאר וואס דען? אז איך וועל נישט זאגן וועל איך גארנישט האבן, 'מרבה זיין בדיבורים' אסאך, אבער בעטן דעם אויבערשטן אז דער 'זאגן' זאל מיר עפעס ברענגן דערצו!** (כאן חסר קצת).[ס]

❖

# הכנסתי בכם הרבה אמת

**מען דארף זיך נישט לאזן זיך נארן, "דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן!".**[סא]

**דא אין דעם עולם איז דא שווינדלערס, שווינדלערס! זיי נעמען דארטן א 'פינגערל'** (טבעת)**, פון אויבן איז עס אפגעגילדט** (מוזהב)**, און אינעווייניג איז דארטן דא בלעך, ס'איז גארנישט, ס'איז נישט קיין פינגערל!**

(הנמשל:) **מען קומט אהינצו** (לעולם הבא)**, מען ברענגט א גאנצן זאק, גאנצע געפעק, און דארטן גיבט מען אים א ווארף אראפ, "וואס האסטו געבראכט אהערצו?! דא דארף מען האבן א 'ריינע זאך', וואס האסטו געבראכט אהערצו?! דאס איז דא קיין שום חשיבות נישט!".**[סב]

---

[ס] עי' ברכות דף י"ז ע"א: תַּכְלִית חָכְמָה - תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים. פירש"י: תכלית חכמה - **עיקרה של תורה שיהא עמה תשובה ומעשים טובים.**

[סא] עפ"י שיחות הר"ן אות נ"א: ... **אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אוֹתוֹ הָעוֹלָם... כִּי הָעוֹלָם הַזֶּה מַטְעֶה אוֹתָנוּ לְגַמְרֵי** ... (ועי' ליקוטי הלכות פו"ר ג' אות ל"ד).

[סב] עי' ליקוטי הלכות הל' אונאה (הכלול בהל' שלוחין) ה' אות מ': ... כִּי זֶה כְּלַל וִיסוֹד כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ שֶׁצְּרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד לִבְלִי **לְהַטְעוֹת אֶת עַצְמוֹ בְּזֶה הָעוֹלָם**, וּכְמוֹ שֶׁצָּעַק הוּא ז"ל קֹדֶם הִסְתַּלְּקוּתוֹ וְאָמַר, **אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא תַּנִּיחוּ עַצְמְכֶם לְהַטְעוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם. כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה אוֹתָנוּ לְגַמְרֵי** וְכוּ', כַּנִּדְפַּס בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן. אֲבָל לְהִנָּצֵל מִטָּעֻיּוֹת שֶׁל זֶה הָעוֹלָם שֶׁהֵם הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד כִּמְעַט בְּלִי שִׁעוּר אִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מֵהֶם כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְקָרְבוּת לְהַצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁלֹּא הִטְעָה אֶת עַצְמוֹ בְּזֶה הָעוֹלָם אֲפִלּוּ כָּל שֶׁהוּא ... אֲבָל זֶה שֶׁטָּעוּתוֹ בִּבְחִינַת יָתֵר מִשְׁתּוּת, שֶׁנָּפַל כָּל כָּךְ עַד שֶׁחוֹלֵק עַל הַצַּדִּיק, שֶׁזֶּה בְּחִינַת יָתֵר מִשְׁתּוּת, בְּחִינַת נֹגַהּ שֶׁנִּכְלָל בַּקְּלִפָּה רח"ל, שָׁם הוּא בְּחִינַת בִּטּוּל מִקָּח, שֶׁכָּל הַתּוֹרָה וּמִצְווֹת שֶׁלּוֹ כֻּלָּם בְּטֵלִים וְאֵין בַּקִּנְיָן שֶׁלּוֹ כְּלוּם, וּצְרִיכִין לַחֲזֹר וּלְתַקְּנָם מֵחָדָשׁ לְגַמְרֵי **... כִּי יָדוּעַ לְכָל אֶחָד בְּעַצְמוֹ כַּמָּה וְכַמָּה פְּגָמִים וּפְנִיּוֹת יֵשׁ בְּהַמִּצְווֹת וְהַתּוֹרָה בְּעַצְמוֹ שֶׁל רֹב הָעוֹלָם,** כִּי מֵחֲמַת מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים גַּם הַטּוֹב שֶׁלָּהֶם מְקֻלְקָל הַרְבֵּה, אַךְ כְּשֶׁאֵינוֹ חוֹלֵק עַל כָּל פָּנִים עַל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, יִשָּׁאֵר לוֹ מֵהֶם אֵיזֶה בְּחִינַת קִנְיָן לָעוֹלָם הַבָּא בִּבְחִינַת קָנָה וּמַחֲזִיר אוֹנָאָה הַנַּ"ל, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן כְּשֶׁזּוֹכֶה לְהִתְקָרֵב אֵלָיו שֶׁאָז הַטָּעוּת נִתָּן לִמְחִילָה כַּנַּ"ל. אֲבָל כְּשֶׁחוֹלֵק עָלָיו, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת טָעוּת יוֹתֵר מִשְׁתּוּת, שֶׁנָּפַל לְרַע גָּמוּר בְּחִינַת נֹגַהּ שֶׁנִּכְלָל בַּקְּלִפָּה רח"ל, אֲזַי קִנְיָנוֹ בָּטֵל לְגַמְרֵי, וְעָלָיו נֶאֱמַר, "כַּאֲשֶׁר בָּא כֵּן יֵלֵךְ וּמְאוּמָה לֹא יִשָּׂא בַעֲמָלוֹ". וְיִצְטָרֵךְ לִסְבֹּל מַה שֶּׁיִּסְבֹּל בְּכַמָּה גִּלְגּוּלִים עַד שֶׁהַצַּדִּיק יַחֲזֹר וִיתַקְּנוֹ מֵחָדָשׁ לְגַמְרֵי...

**דער רבי האט א זאג געגעבן, "איך האב אין אייך אסאך אמת אריינגעבראכט!".**[סג]

**נאר וואס דען? אז מען רעדט דיבורים צום אויבערשטן, מען רעדט זיך אויס פאר השי"ת, קען מען עפעס האבן, עפעס א גוטע זאך אויך!**

**'זאגן אסאך' איז גוט, און 'לערנען אסאך' איז גוט, אבער מען זאל וויסן אז ס'איז דא א 'עיקר', דער זאגן וועט דיר ברענגען צום עיקר, אבער אפשטעלן זיך ביי דערביי אליין?!**

❖

# דיבור בדעה

(השואל: דער רבי רעדט דאך פון 'דיבור בלא דיעה'?)[סד] **'דיבור בלא דיעה' האבן מיר אויך גערעדט - זאגט דער רבי 'הושענא רבה' - 'שמחת תורה'! נאך 'הושענא רבה' גייט באלד 'שמחת תורה', 'הושענא רבה' איז א 'דיבור בלא דיעה', 'שמחת תורה' איז 'דיבור בדיעה', נאך 'הושענא רבה' - דער תכלית דארף ווערן א 'דיבור בדיעה'.**

**דארטן קומט אויס, אז צו קענען קומען צו 'דיבור בדיעה', איז נאר דורך אז ס'איז דא פריער א 'דיבור בלא דיעה'.**

**פריער דארף מען אסאך שרייען, כאטש ס'איז 'בלא דעת', כאטש 'ומגמגם בה', ביז ער וועט קומען צו א 'דיבור בדיעה', אבער דער רבי מיינט טאקע א 'דיבור בדיעה' טאקע, 'דיבור בדיעה'!**

❖

---

[סג] עי' חיי מוהר"ן אות תקל"ח.

[סד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ד: **כִּי יֵשׁ דִּבּוּר בְּלֹא דֵעָה, וְיֵשׁ דִּבּוּר בְּדֵעָה.** וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הֵן בְּחִינַת **'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא וְשִׂמְחַת תּוֹרָה'** ... כִּי 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא', הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּלֹא דֵעָה ... כִּי אִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ **'אִית מָאן דְּלָעֵי בְּאוֹרַיְתָא וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגּוּמָא דְּלָא יָדַע**, כָּל מִלָּה וּמִלָּה סָלְקָא לְעֵלָּא, וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָדֵי בְּהַאי מִלָּה, וְנָטַע לַהּ סָחֲרָנִין דְּהַהוּא נַחֲלָא, וְאִתְעֲבִדוּ מֵאִנּוּן מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין, וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל' ... אֲבָל שִׂמְחַת־תּוֹרָה, הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּדֵעָה, וְהוּא הַחִיּוּת שֶׁל הַנֶּפֶשׁ. כִּדְאִיתָא בַּזֹּהַר: **'זַכָּאִין אִנּוּן דְּיָדְעִין אוֹרְחוֹי דְּאוֹרַיְתָא**, וּמִשְׁתַּדְּלֵי בָהּ בְּאֹרַח מִישׁוֹר, דְּאִנּוּן נָטְעִין אִילָנָא דְּחַיֵּי לְעֵלָּא דְּכֹלָּא אַסְוָתָא' ...

# שכל הנקנה

דער רבי זאגט דאך אין תורה כ"ה, אז "דער עיקר השארה פונעם מענטשן בלייבט איבער דער 'שכל הנקנה'!".[סה]

די גאנצע עבודה פון א אידן איז ער זאל אויסארבעטן - ער זאל האבן א ריינעם מח צום אויבערשטן! אינגאנצן די עבודה זיינע, התבודדות מיט חצות מיט אלצדינג, אז דער מח זאל זיין ריין צום אויבערשטן!

דאס איז די גאנצע עבודה, און דאס בלייבט אים איבער, דאס ברענגט ער אהינצו, דאס האט ער אפגעקויפט אין דעם עולם, א ריינער מח! "**כולה במחשבה אתברירו**" - זאגט דער זוהר הקדוש,[סו] אליץ, דער גאנצער בירור, איז נאר במחשבה אין מח! נאר וואס דען? די אלע עצות פונעם צדיק ברענגען דערצו, אָן דעם קען מען בשום אופן נישט קומען דערצו!

מיר דארפן וויסן אבער, אז מיר דארפן זייער גוט באטראכטן זיך, און אכטונג געבן זיך, דער מח מיינער זאל נישט זיין מבולבל, מען זאל נישט זיין פון די זקנים וואס די משנה זאגט 'כל זמן שמזקינים דעתן מיטרפת',[סז] מער מקורב - ס'זאל זיין 'דעתן מתיישבת', דער מח זאל זיין מער מיושב!

נישט לאזן זיך נארן! דער אויבערשטער זאל העלפן, "דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, איר זאלט זיך נישט לאזן נארן!" (- אמר רבינו).

❖

[סה] ז"ל שם אות א': כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מֵהַמְדַמֶּה וְלַעֲלוֹת אֶל הַשֵּׂכֶל ... וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁמַּשִּׂיג בְּשִׂכְלוֹ כָּל מַה שֶּׁיֵּשׁ בְּיַד אֱנוֹשִׁי לְהַשִּׂיג, אָז שִׂכְלוֹ שָׁב שֵׂכֶל הַנִּקְנֶה. כְּמוֹ שֶׁכָּתְבוּ הַמְחַקְרִים, שֶׁיֵּשׁ שֵׂכֶל בְּכֹחַ, וְשֵׂכֶל הַפֹּעַל, וְשֵׂכֶל הַנִּקְנֶה. וְעִקַּר קִיּוּמוֹ שֶׁל אָדָם לְאַחַר מִיתָתוֹ, אֵינוֹ אֶלָּא שֵׂכֶל הַנִּקְנֶה ...

[סו] עי' זוה"ק פרשת פקודי דף רנ"ד ע"ב, מובא בליקו"מ כמה פעמים, עי' תו' רי"א.

[סז] מס' קנים פ"ג ו'.

א מענטש, ער שטעלט זיך אפ ביי א זאך - דער רבי זאגט אין תורה י"ח: "דו זאלסט וויסן אז צו יעדע זאך איז דא א 'תכלית', 'ולתכלית יש עוד תכלית', 'ועוד תכלית'[סח] - איך זאל קענען האבן ריינע געדאנקען!

שטעל זיך אפ אויף 'ווייטער', און דעמאלט איז עס גוט! אבער אז ער שטעלט זיך אפ אויף 'פריער', אז 'דאס איז עס, מער דארף איך נישט', טויג נישט!

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **שמואל דוד ראפאפורט** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב** | מוה"ר **צבי אלימלך ראפאפורט** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** | מוה"ר **יואל** (בר"ל) **ווייס** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** | לעילוי נשמת מרת<br>**רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו<br>י"ב שבט תשע"ט<br>תנצב"ה |

[סח] שם אות א'.